STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08022

# YIDN NOKH DER MILHOME

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# יידן נאָך דער מלחמה

## באַריכט פון דער ערשטער קאָנפערענץ
## פון פאָרשונגס - קאָמיטעט
##ביים יידישן אַרבעטער - קאָמיטעט

יידישער ארבעטער - קאָמיטעט
ניו-יאָרק
1942

Copyright, 1942

Printed in U. S. A.

Parish Press 10

# אינהאַלט:


י. באַסקין: **אַריינפיר** ........................... 5

ד״ר י. קיסמאַן: **באַריכט וועגן דער טעטיקייט פון פאַרשונגס־קאַמיטעט ביים יידישן אַרבעטער־קאַמיטעט** .......... 9

א. מענעס: **פּראָבלעמען פון עקאָנאָמישן ווידעראויפבוי** ....... 17

ד״ר ע. פּאַט: **דאָס פּראָבלעם פון יידישער קינדער־הילף נאָך דער מלחמה** ........................... 40

ד״ר מ. וויינרייך: **אַ יידישע נאַציאָנאַלע פּראָגראַם אויף נאָך דער מלחמה** ........................... 51

# אַרײַנפֿיר

די מלחמה דויערט שוין דרײַ יאָר צײַט. גאַנצע קאָנטינענטען זענען חרוב געוואָרן, מיליאָנען מענטשן זײַנען שוין אויסגעשאָכטן געוואָרן און קיין סוף זעט זיך נאָך אַלץ ניט. וואָס ס׳איז שייך אַמעריקע, האָט זי די מלחמה כמעט נאָך ניט אָנגעהויבן. מען האַלט נאָך אַלץ אין איין גרייטן זיך, זאַמלען כוחות, פּראָדוצירן כּלי זין אויף צו באַזיגן דעם שונא.

אין דערזעלבער צײַט איז שוין געשאַפֿן געוואָרן אַ גאַנצע ליטעראַטור וועגן פּלענער פֿאַר דער צוקונפֿט. אין אַלע געזעלשאַפֿטלעכע קרײַזן ווערט דיסקוטירט די פֿראַגע, ווי אַזוי עס וועט אויסזען די וועלט נאָכן חורבן. מלוכה־לײַט, געלערנטע לאָזן הערן זייער וואָרט. פֿון דעם קאָנסערוואַטיוון ענגלישן שטאַטסמאַן אידען ביז צו דעם ראַדיקאַלן וויצע־פּרעזידענט פֿון אַמעריקע, וואַלאַס, זענען אַלע, אַז די וועלט קאָן ניט בלײַבן די אייגענע ווי זי איז געווען פֿריער.

וויצעפּרעזידענט וואַלאַס זאָגט, אַז די רעוואָלוציע וואָס האָט צע־טרייסעלט די וועלט מיט 150 יאָר צוריק, איז ניט קיין פֿולקאָמענע און קאָן זיך ניט אָפּשטעלן, ביז וואַנען די וועלט וועט דערגרייכן אַ צושטאַנד, אַז די מענטשן זאָלן זײַן פֿרײַ פֿון זאָרג און פֿון לײַדן. אַנדערע דער־מאָנען דאָס וואָרט פֿון דער טשאַרטיסטן־באַוועגונג, מיט העכער הונדערט יאָר צוריק, אַז „יעדער זאָל האָבן אַ גוט הויז צו באַוווינען, אַ גאָרטן, גוטע קליידער, צו זײַן באַשיצט פֿאַר קעלט, גענוג צו עסן און צו טרינקען און גליקלעך צו זײַן.״

אין אונזער היינטיקער קאָמפּליצירטער געזעלשאַפֿט, מיט אירע סאָציאַלע ראַנגלענישן, איז די שטרעבונג פֿון די מענטשן בעצם די אייגענע ווי מיט פֿיל צענטליקער יאָרן צוריק. און מען שטודירט און מען פֿאָרשט, ווי אַזוי אײַנצואָרדנען די וועלט נאָך דער מלחמה. מען קלויבט מאַטעריאַל, וואָס זאָל זײַן אַ באַזיס פֿאַר די פֿאַרשידענע פֿאָר־לאַנגען און פֿאָדערונגען צו דער קומענדיקער שלום־קאָנפֿערענץ (אָדער: די שלום־קאָנפֿערענצן).

אויך דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט, וועלכער איז געוואָרן אַזאַ גרויסער כוח אין אונזער אַמעריקאַנער יידישן לעבן, מוז טראַכטן

וועגן אונזערע יידישע פאָדערונגען צו דער נייער וועלט נאָך דער מלחמה. ער מוז פאַרשן, קלויבן פאַקטן און ציפערן וועגן אונזער יידישן לעבן. צו אָט דעם צוועק האָט ער געשאַפן דעם פאָרשונגס־קאָמיטעט.

דער פאָרשונגס־קאָמיטעט האָט ביז איצט שוין אויפגעטאָן וויכטיקע אַרבעט. די צוויי קאָנפערענצן, וועלכע ער האָט ביז איצט אָפּגעהאַלטן, באַלאַנגען אָן אַ ספק צו די אינטערעסאַנטסטע צוזאַמענקונפטן אין אונזער יידיש קולטורעלער וועלט אין אַמעריקע.

דאָס ביכל, וואָס מיר געבן דאָ איבער דער יידישער עפנטלעכקייט, איז אַ באַריכט פון דער ערשטער קאָנפערענץ, אָפּגעהאַלטן דעם 29טן מערץ 1942 אין ניו יאָרק.

דריי פאַרשידענע פראַגן זענען אויף דער קאָנפערענץ באַהאַנדעלט געוואָרן, אין די רעפעראַטן פון אונזערע חשוב׳ע מיט־אַרבעטער מ. ווײַנרײַך, א. מענעס און ע. פּאַט. אַלע דריי רעפעראַטן פאַרייניקן זיך צו אַ גאַנצקייט, צו דער גרויסער פּאָליטישער פּראָבלעם פון ווידעראויפבויען דאָס יידישע לעבן נאָך דער מלחמה.

אין די רעפעראַטן ווערן איבערגעגעבן טייל־רעזולטאַטן פון דער פאָרש־אַרבעט וועגן יידישע נאָך־מלחמה־פּראָבלעמען — אַן אַרבעט, וואָס ווערט אָנגעפירט פון אונזער קאָמיטעט מיט גרויס איבערגעבנהייט, מיט וויסנשאַפטלעכער גרינטלעכקייט און אָביעקטיוויטעט. מיר זאָגן, אַז דאָס זענען טייל־רעזולטאַטן, ווייל מיר זענען נאָך לאַנג נישט פאַרטיק מיט אונזער אַרבעט, מיר האַלטן פאַקטיש ערשט ביים אָנהויב. מיר מוזן אָבער אויך צוגעבן, אַז נישט אַלע געדאַנקען, וואָס ווערן אויסגעדריקט אין די רעפעראַטן, זיינען די איינשטימיקע מיינונג פונעם פאָרשונגס־קאָמיטעט. מיר האַלטן אין פּראָצעס פון פאָרש־אַרבעט אַרום די וויכטיקסטע פראַגן פון אונזער נאַציאָנאַלן קיום און עס פאַרשטייט זיך, אַז אונזערע מיטאַרבעטער האָבן דאָס רעכט, פריי אַרויסצוזאָגן זייער מיינונג אין שטרייט־פראַגן, אויף זייער פּערזענלעכער אַחריות.

מיר זיינען זיכער, אַז דער לעזער וועט זיין צופרידן זיך צו באַקענען מיט די יידישע נאָך־מלחמה־פּראָבלעמען, אין דער פאָרעם ווי זיי ווערן אָנועקגעשטעלט אין די געהאַלטענע רעפעראַטן; און געוויס וועט דעם לעזער פאַראינטערעסירן אויך דער באַריכט וועגן דער טעטיקייט פון אונזער פאָרשונגס־קאָמיטעט, וואָס איז אָפּגעגעבן געוואָרן אויף דער קאָנפערענץ אונזער סעקרעטאַר י. קיסמאַן.

אונזערע קאָנפערענצן האָבן דעם צוועק, צו באַקענען אַ ברייטערן עולם מיט די יידישע נאָך־מלחמה פּראָבלעמען, אַרום וועלכע עס פירט זיך אונזער פאָרש־אַרבעט. מיר טראָגן נישט אַריין אויף אונזערע קאָנ־

פערענצן קיין רעזאָלוציעס, מיר זוכן נאָך נישט קיין אַנטשיידונגען אין אונזערע פראַגן.

אויב מיר וועלן דערגרייכן מיט אונזער בראָשור דאָס איינע, אַז יידישע אַרבעטער און אינטעליגענטן וועלן זיך פאַרטראַכטן וועגן אונזערע פראָבלעמען און אפשר דערזען נייע זייטן פון דער פראַגע, וועלכע זיינען זיי ביז אַהער פאַרבאָרגן געווען, דאַן וועט אונזער צוועק דערגרייכט זיין.

**י. באַסקין**

פאָרזיצער פון פאָרשונגס־קאָמיטעט

ביים יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט

ניו יאָרק, אויגוסט 1942.

ד״ר יוסף קיסמאַן

# באַריכט וועגן דער טעטיקייט פון פאָרשונג-קאָמיטעט ביים יידישן אַרבעטער-קאָמיטעט

דער פאָרשונגס־קאָמיטעט ביים יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט איז געשאַפן געוואָרן מיט דער מיסיע, אויסצואַרבעטן די וויסנשאַפטלעכע מאַטעריאַלן, אויף וועלכע עס זאָלן אויפגעבויט ווערן יידישע שלום־פאָדערונגען נאָך דער איצטיקער מלחמה.

גרינדנדיק די דאָזיקע אינסטיטוציע, האָט דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט אויסגעדריקט די איבערצייגונג, אַז די יידישע אַרבעטער־שאַפט האָט דאָס רעכט און דעם חוב, צו זאָגן איר וואָרט אין יענעם מאָמענט, ווען עס וועט דאַרפן אַנטשיידן ווערן דער גורל פונעם יידישן פאָלק נאָך דער מלחמה.

אָט וואָס ס׳איז אונזער צוגאַנג צו די נאָך־מלחמה־פּראָבלעמען פונעם יידישן פאָלק און פון דער וועלט בכלל: מיר זעען פאָרויס ניט בלויז די מפּלה פון פאַשיזם אין דער איצטיקער מלחמה, נאָר אויך דעם אויפקום פון אַ זיגרייכער דעמאָקראַטיע, געטראָגן פון די אַרבעטנ־דיקע מאַסן, און מיר זיינען איבערצייגט, אַז ביים ווידער־אויפבויען די וועלט נאָך דער מלחמה וועט דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־קלאַס שפּילן די וויכטיקסטע ראָלע.

מיט אונדזער פאָרש־אַרבעט וועגן יידישע נאָך־מלחמה־פּראָבלעמען האָבן מיר גענומען אַ גרויסע אַחריות אויף זיך. אַוודאי איז דאָס לעבן פון פעלקער שטאַרקער פון יוריסטישע פאָרמולעס, מיר זיינען אָבער ווייט דערפון גרינגצושאַצן „לייזונגען״, וואָס ווערן געמאַכט פון מלוכה׳שע מאַכט־פאַקטאָרן. נאָך די אוממענטשלעכע יסורים און פּיין, וואָס עס טראָגן אַריבער די יידישע מאַסן אין דער איצטיקער מלחמה, איז אונדזער אַלעמענס באַרעכטיקטער פאַרלאַנג, אַז ביים אויפבויען די נייע וועלט זאָל אַוועקגעלייגט ווערן דער פונדאַמענט פאַר אַ געזונטער ווייטער־אַנטוויקלונג פון אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן. קיי־נער וועט אונדז אָבער ניט אַנטקעגנטראָגן דאָס, אין וואָס מיר נייטיקן זיך. פאַרקערט, ס׳איז פאַראַן אַ סכנה, אַז אין די שלום־באַדינגונגען פון דער נייער אייראָפּע זאָלן אונדז אַנטקעגנגעשטעלט ווערן נייע שווערע מניעות און אַז עס זאָלן זיך ווידער נייטיקן יאָרן פון קאַמף

און אַן אַ שיעור פֿאָלקס־ענערגיע, כדי זיי גובר צו זיין. מוזן די יידישע מאַסן שטיין אויף דער וואַך, באַזייטיקן דראָענדיקע געפאַרן, אין פולער סאָלידאַריטעט מיטן אַרבעטער־קלאַס פון אַנדערע פעלקער, און טאָן דאָס מעגלעכסטע, צו פאַרזיכערן פאַר אונדזער פאָלק אַ ליכטיקן לעבנס־וועג אין דער וועלט פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע, וואָס וועט געשאַפן ווערן נאָך דער מלחמה.

די סאָציאַליסטישע וועלט־באַוועגונג איז פאַרניכטעט דורכן שונא, טיילווייז אויך אויפגעריסן דורך אינערלעכע שפּאַלטונגען. אָבער עס לעבט די סאָציאַליסטישע געדאַנקען־וועלט, און מיר זיינען זיכער, אַז ווען עס וועט אויסשלאָגן די שעה פון נצחון און פרייהייט, וועט אויך די באַוועגונג אויפשטיין צו אַ נייעם לעבן. דעריבער האַלטן מיר פאַר אונדזער וויכטיקסטן חוב צו באַקענען די סאָציאַליסטן פון אַנדערע פעלקער מיט אונדזערע פּראָבלעמען און אונדזערע פאָדערונגען.

סקעפּטיקער וואָלטן אפשר געקענט זאָגן, אַז פאַרש־אַרבעט, וואָס זאָל דינען ווי אַ באַזע פון קאָנקרעטע שלום־פאָדערונגען, האָט ניט קיין ווערט, אויב מען ווייסט ניט פריער די רעאַלע באַדינגונגען, אין וועלכע עס וועט אויסקומען צו שטעלן פאָדערונגען. וואָרעם וועלכע ממשות האָבן שיינע און גוטע פאָרמולעס, אויב זיי קענען ניט דורכגעפירט ווערן אין לעבן? די דאָזיקע טענה מעג טאַקע אויסקוקן שכל׳דיק און „רעאַל־פּאָליטיש”. דער אויספיר וואָלט אָבער געקענט זיין נאָר איי־נער: וואַרטן! — וואַרטן אַזוי לאַנג, ביז עס וועט זיך אויפהייבן דער טונקעלער שלייער, אין וועלכן ס׳איז איינגעהילט די נאָענטע צוקונפט. און — וואַרטן מיט פאַרש־אַרבעט, וואַרטן מיט צוגרייטונגען פאַר דער שלום־צייט בכלל וואָלט באמת געמיינט: פּאַסיוויקייט, קאַפּיטולאַציע און — קאַפּיטולאַציע ניט בלויז פאַר דער אומבאַקאַנטער צוקונפט, נאָר קאַפּיטולאַציע אויך פאַר דער קעגנוואַרט.

דער ציל פון אונזער אַרבעט איז, צו אַנטפּלעקן די נויטן פון אונדזער סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן לעבן, די טענדענצן פון דעם אַנט־וויקלונג און אויסצוגעפינען — אומאָפּהענגיק פון היינטיקע אָדער מאָרגנדיקע מאַכט־פאַקטאָרן — די וועגן, וואָס פירן באַרג־אַרויף.

די רעזולטאַטן פון דער פאַרש־אַרבעט אָבער, צו וועלכן מיר האָפן צו דערגיין, זיינען ניט אַבסטראַקטע וויסנשאַפט. מיר ווייסן, אַז עס זיינען פאַראַן יידישע פּראָבלעמען און אַז עס וועלן זיין יידישע פּראָבלע־מען. ווי ווייט עס זאָל ניט גרייכן דער כוח פונעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־קלאַס נאָך דער מלחמה, וועלן די דאָזיקע פּראָבלעמען ניט פאַרשווינדן פון זיך אַליין.

מיר זיינען פריי פון דער אילוזיע, אַז אמת'ע דעמאָקראַטיע גיט יעדן פאָלק און יעדן יחיד אַלץ וואָס ער דאַרף. דעמאָקראַטיע איז די באַזע, אויף וועלכער פעלקער און מענטשן דאַרפן בויען, זעלבסטטעטיק בויען, זעלבסטטעטיק פאַרמירן זייער לעבן. דאַרפן מיר בייצייטנס וויסן, וואָס און ווי אַזוי צו בויען. מיר זאָגן ניט, אַז מיר וועלן באַלד נאָך דער מלחמה דורכזעצן אַלץ, וואָס מיר ווילן, אַז מיר וועלן זיך טאַקע גיך און באַלד קענען פאַרנעמען אויף די וועגן, וועלכע מיר ווילן אָנצייכענען. דער קאַמף פאַר אַ בעסערן לעבן וועט אָנגיין אויך נאָך דער מלחמה. אָבער אָנצייכענען דעם וועג מוזן מיר וואָס פריער. וויסן מוזן מיר שוין איצטער, וואָס מיר ווילן. און ניט מיר אַליין. מיר קענען ניט פרי גענוג אָנהייבן אויפצוקלערן אונדזער אייגענעם עולם, צו שאַפן אַ פאָלקס־שטימונג פאַר דעם, וואָס מיר האַלטן פאַר ריכטיק.

אָט דאָס איז דער צוועק און דער ציל פון אונדזער פאָרש־אַרבעט.

*

און איצט אַ וואָרט וועגן דער אַרבעט גופא פון אונדזער קאָמיטעט.

דער פאָרשונגס־קאָמיטעט ביים יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט איז פאָרמעל געגרינדעט געוואָרן סוף יולי 1941. צו דער אייגנטלעכער אַרבעט איז ער אָבער צוגעטרעטן ערשט אין סעפּטעמבער 1942. אונדזער באַריכט נעמט אַלזאָ אַרום אַ האַלב־יאָריקע אַרבעטסצייט פונעם פאָרשונגס־קאָמיטעט.

דער קאָמיטעט איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון יידישע שרייבערס, געלערנטע און געזעלשאַפטלעכע טוערס. אָט זיינען זייערע נעמען: ר. אַבראַמאָוויטש, ד"ר א. אַלעקסאַנדראָוויטש, י. באַסקין, ד"ר ב. האָפמאַן (צביון), ל. וואַלדמאַן, ב. טאַבאַטשינסקי, ד"ר מ. וויינרייך, ש. מענדעלסאָן, אַ. מענעס, ש. ניגער, י. פּאַט, ה. ראָגאָף, י. שלאָסבערג, ב. שערמאַן. * אַלס פאָרזיצער איז געוויילט געוואָרן פריינט י. באַסקין, דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון אַרבעטער־רינג. סעקרעטאַר איז ד"ר י. קיסמאַן.

* שוין נאָך דער ערשטער קאָנפערענץ זיינען אויפגענומען געוואָרן אין פאָרשונגס־קאָמיטעט אַכט נייע מיטגלידער, וואָס וועלן מיט זייער טעטיקייט זיכער באַרייכערן די אַרבעט פון קאָמיטעט: י. ל. גאָלדבערג, פּראָפ' מ.ווישניאַק, ד"ר ר. מאַהלער, ד"ר י. נאקס, ד"ר י. מ. פיין, מ. קאָסאָווער, י. ב. סאלוצקי־האַרדמאַן און ד"ר ע. שערער. — י. ק.

דער קאָמיטעט האָט זיך באַלד ביים אָנהייב געטיילט אויף דריי קאָמיסיעס: אַ קאָמיסיע פאַר נאַציאָנאַלע פראַגן (פאָרזיצער ש. מענדעל־סאָן; אין פּרעזידיום גייען נאָך אַריין: ד"ר מאַקס ווייגרייך און ב. שער־מאַן); אַ קאָמיסיע פאַר מלוכה־רעכטלעכע פראַגן און אַ קאָמיסיע פאַר עקאָנאָמישע פראַגן (פאָרזיצער: ר. אַבראַמאָוויטש; אין פּרעזידיום גייען נאָך אַריין: אַ. מענעס און, אַלס סעקרעטאַר, ד"ר י. קיסמאַן). די קאָמיסיע פאַר עקאָנאָמישע פראַגן האָט נאָך צוגעצויגן צו דער אַרבעט פּריינט גריגאָרי אַראָנסאָן און, אַלס אַ באַזונדערע קאָמיסיע פאַר יוגנט־פּראָבלעמען, די פריינט ד"ר עמנואל פּאַט, מ. קליגסבערג און אַל. ערליך.

די וויכטיקסטע אַרבעט ווערט געטאָן אין די קאָמיסיעס, אין וועלכע עס ווערן באַשטימט די פאָרש־טעמעס און צוגעטיילט צו איינצל־נע מיטאַרבעטער. אויף די פּלענאַרע זיצונגען פונעם קאָמיטעט ווערן דיסקוטירט די פאָרגעשלאָגענע טעמעס און טייל־רעזולטאַטן פון דער פאָרש־אַרבעט. מיט איינצלנע אַרבעטן ווילן מיר אַרויסטרעטן, פון צייט צו צייט, פאַר ברייטערע קאָנפערענצן, פון וועלכע די הייגטיקע איז די ערשטע. *

די קאָמיסיעס האָבן ביז איצט אָפּגעהאַלטן צענדליגער זיצונגען; דער גאַנצער קאָמיטעט אַלס אַזעלכער האָט אָפּגעהאַלטן 6 פּלענאַרע זיצונגען.

דאָ איז דאָס אָרט אויסצודריקן אַ האַרציקן דאַנק אַלע מיטגלידער פון קאָמיטעט, וועלכע גיבן אַוועק פּריוואַליק אַזוי פיל צייט און מי פאַר אונדזער אַרבעט. צום גרויסן באַדויערן קענען מיר ניט אויס־האַלטן קיין אייגענעם סטעף און אַרבעטן בכלל מיט אַ זייער באַגרע־נעצטן בודזשעט.

די פאָרש־טעמעס, וועלכע די איינצלנע קאָמיסיעס האָבן דערוויל אָנגעמערקט, זיינען אָט וועלכע:

1) קאָמיסיע פאַר נאַציאָנאַלע פראַגן:

א) דאָס יידישע נאַציאָנאַלע לעבן אין מזרח־אייראָפּע צווישן ביידע וועלט־מלחמות (באַאַרבעט פון אַ. מענעס און ש. מענ־דעלסאָן);

---

* די צווייטע קאָנפערענץ פון פאָרשונגס־קאָמיטעט איז פאָרגעקומען דעם 25טן מאַי 1942. עס זענען געהאַלטן געוואָרן רעפעראַטן פון ש. מענדעלסאָן, ב. שערמאַן און מ. קליגסבערג. אַ באַריכט פון דער צווייטער קאָנפערענץ וועט אַרויסגעגעבן ווערן אין קורצן. — י. ק.

ב) קולטור און שפּראַך (באַאַרבעט פֿון אַ. מענעס און ש. מענ־דעלסאָן).

ג) מינאָריטעטן־פּראָבלעמען און יידישע פּראָבלעמען אין אַמע־ריקע (באַאַרבעט פֿון ב. שערמאַן).

ד) ארץ־ישראל (באַאַרבעט פֿון ד״ר מ. וויינרייך).

ה) דערפֿאַרונגען פֿון ניט־יידישע מינאָריטעטן (באַאַרבעט פֿון ד״ר מ. וויינרייך).

2) קאָמיסיע פֿאַר עקאָנאָמישע פֿראַגן:

א) מיגראַציע־פּראָצעסן ביי יידן ערב מלחמה, בעת דער מלחמה, מיגראַציע־מעגלעכקייטן נאָך דער מלחמה (באַאַרבעט פֿון פּראָפ׳ ד״ר הערש, זשענעוו).

ב) דער מצב פֿון די יידישע קיבוצים אין די נאַצי־אָקופּירטע לענדער (באַאַרבעט פֿון אַ. מענעס).

ג) יידישע מלחמה־היזקות (באַאַרבעט פֿון אַ. מענעס, ד״ר אַלעקסאַנדראָוויטש, ד״ר קיסמאַן).

ד) דער סאָוועטישער עקספּערימענט (באַאַרבעט פֿון גר. אַראָנ־סאָן).

ה) פּראָבלעמען פֿון דער יידישער יוגנט אין מזרח־אייראָפּע (באַאַרבעט פֿון מ. קליגסבערג).

ו) פּראָבלעמען פֿון יידישער קינדער־הילף נאָך דער מלחמה (באַאַרבעט פֿון ד״ר עמ. פּאַט).

ז) דאָס פּראָבלעם פֿון פּראָדוקציע־שיכטונג ביי דער יוגנט פֿון אַנדערע פֿעלקער (באַאַרבעט פֿון אַל. ערליך).

3) קאָמיסיע פֿאַר מלוכה־רעכטלעכע פֿראַגן:

א) פֿראַגן פֿון דער מלוכה־פּאָליטישער איינאָרדענונג אין איי־ראָפּע (באַאַרבעט פֿון ד״ר אַלעקסאַנדראָוויטש).

ב) דאָס נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן־רעכט אין טעאָריע און פּראַק־טיק (באַאַרבעט פֿון ד״ר קיסמאַן).

יעדע פֿון די דערמאָנטע פֿאָרש־טעמעס פֿאָדערט אַ גרעסערע אָדער קלענערע צאָל טייל־אַרבעטן. ביז איצט זיינען פֿאַרענדיקט געוואָרן 13 אַזעלכע הילפֿס־אַרבעטן, וועלכע ווערן דאָ ווייטער אויסגערעכנט:

צוויי אַרבעטן פֿון י. דאַווידאָוויטש: וועגן דער יידישער אויטאָנאָ־מיע אין אוקראַינע און וועגן יידישן קולטור־לעבן אין ראַטן־רוסלאַנד; אַן אַרבעט פֿון ש. גילינסקי וועגן יידישן קולטור־לעבן אין פּוילן; אַן אַרבעט פֿון פּנחס שוואַרץ וועגן יידישן פּאָליטישן לעבן אין פּוילן; צוויי אַרבעטן פֿון נ. גאָלדבערג וועגן ארץ ישראל: יידישע דערגרייכונגען

אין ארץ־ישראל און מיינונגען וועגן דער עקאָנאָמישער אויפנעמעוודי־קייט פון ארץ־ישראל; דריי אַרבעטן פון י. גוטמאַן וועגן מינאָריטעטן־פראַגן: דער נאַציאָנאַלער קאַמף פון די טשעכן אין אַלטן עסטרייך, דער טשעכישער קאַמף אין דער עסטרייכישער רעפובליק און די שוועדישע מינאָריטעט אין פינלאַנד; אַן אַרבעט פון ל. בערז וועגן דער דייטשער מינאָריטעט אין עסטלאַנד און לעטלאַנד; אַן אַרבעט פון י. גאָטליב וועגן פראָצעס פון איבערשיכטונג פון יידישע עמיגראַנטן אין אַמעריקע און אַן אַרבעט פון י. קענער וועגן יידישן קולטור־לעבן אין אַמעריקע.

אָנגעהויבן פון דעצעמבער 1941 גיבן מיר אַרויס אַ חודש־בולעטין „פאַקטן און מיינונגען". דער בולעטין האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע: ערשטנס, צו פאַרצייכענען אַלע וויכטיקע פאַסירונגען אין אונדזער צייט פון וועלט־דערשיטערנדיקע געשעענישן; צווייטנס, איבער־צוגעבן די מיינונגען און שטימונגען אין אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן. „פאַקטן און מיינונגען" מאַכט ניט קיין אויספירן, ברענגט ניט קיין פירושים. אונדזער בולעטין וויל בלויז זיין אַ געטרייער שפיגל, אָדער ווי מען זאָגט אין אַמעריקע, אַ „רעקאָרד" פון אונדזער צייט. עס זיינען אַרויסגעגאַנגען ביז איצט 4 נומערן פון אונזער בולעטין און דער אָפּרוף אין אַלע קרייזן אין דער בעסטער.

אָט דאָס איז, אין קורצע שטריכן, אַ בילד פון דער אַרבעט, וואָס ס'האָט אויפגעטאָן דער פאָרשונגס־קאָמיטעט ביים יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט פאַר זעקס חדשים צייט. ביי דער גאַנצער באַשיידנהייט, מיט וועלכער מיר קוקן אויף אייגענע אויפטועך, גלייבן מיר פונדעסט־וועגן, אַז מיר האָבן מיט וואָס צו קומען צו דער יידישער אַרבעטער־עפנטלעכקייט.

מיר האַלטן פאַר נייטיק אונטערצושטרייכן, אַז דער פאָרשונגס־קאָמיטעט האָט אין זיין רשות אַן אויסערסט באַגרענעצטן בודזשעט און טוט זיין אַרבעט מיט מינימאַלע הוצאות. דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט גייט אַן מיט זיין וויכטיקער אַרבעט אויף אַלע געביטן נאָך מיט מער אימפעט, מיט גרעסערע אָנשטרענגונגען, ווי פריער. עס ווערט ווייטער געפירט די רעטונגס־אַרבעט, די הילף־אַרבעט אין די געטאָס, די הילף־אַרבעט פאַרן ראַטן־פאַרבאַנד. ער וועט געוויס פאַר־גרעסערן זיין אַרבעט אויך אויפן געביט פון פאָרשונג פון די יידישע פּראָ־בלעמען נאָכן קריג.

*

צום סוף נאָך אַ וואָרט וועגן דער באַדייטונג פון אונדזער אַרבעט פאַר יענע, וועלכע זי איז דירעקט נוגע, — די יידן אין אייראָפּע.

דאָס האָבן מיר זיך גענומען אויספאָרשן בעיקר זייער סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן לעבן, פאַר זיי ווילן מיר עס אויסגעפינען מיטלען און וועגן פאַר אַ בעסערן לעבן. אָבער קיינער פון אונדז דענקט צוליב דעם ניט אַ מאָמענט, אַז דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט אָדער וועלכע ס'איז אָרגאַניזאַציע פונעם אַמעריקאַנער יידנטום זאָל איבערנעמען די אַפּוטרופּסות איבער די יידן פון דער נאַצי־אָקופּירטער אייראָפּע און זיי דיקטירן אַ פּראָגראַם פון שלום־פּאָדערונגען, וועלכע מיר האַלטן פאַר פּאַסיקע. נאָך דער מלחמה וועלן די יידישע מאַסן פון אייראָפּע אַליין זאָגן זייער וואָרט.

אונדזער האָפענונג אויף אַ פרייען און גליקלעכן לעבן פון די אייראָפּעאישע פעלקער, די יידן בתוכם, איז קיין האָר ניט געמינערט דורך די מיליטערישע דערפאָלגן פון די נאַציס, און וואָס ס'איז שייך די יידן, איז אונדזער בטחון אין זייער צוקונפט ניט דערשיטערט דורך די שוואַרצע בשורות, וואָס קומען טאָג־טעגלעך פון היטלערס אויסראָטונגס־מלחמה. מיר מאַכן ניט קיין דעפעטיסטישע יאוש־סטאַטיסטיקס, קיין בעל־הביתישע חשבונות וועגן אונטערגאַנג פון אייראָפּעאישן יידנטום. מיר קענען פון דערווייטנס גאָרניט וויסן, וואָס ס'קומט פאָר אין גייסטיקן און נשמה־לעבן פון די יידישע מאַסן אין אייראָפּע. אין דעם פייער, וואָס טליעט אין די געטאָס, ווערן אפשר געבוירן נייע געדאַנקען, וואָס וועלן נאָך איבערראַשן די וועלט. מיר צווייפלען גאָרניט פאַר אַ מאָמענט, אַז ווען עס וועלן פאַלן די געטאָ־ווענט, וועלן די יידישע מאַסן פון אייראָפּע, געשטאָלטע און געהאַרטעוועטע פון אוממענטשלעכע ליידן, קומען צו דער וועלט מיט זייערע טענות און זייערע פּאָדערונגען און קעמפן פאַר אַ בעסערן גורל.

אָבער מיר מאַכן זיך אויך ניט קיין אילוזיעס וועגן די ווירקונגען פון היטלערס אַנטי־יידישן קרייץ־צוג. מיר וויסן, אַז די יידישע אינטעליגענץ איז דער ערשטער קרבן פון דער דאָזיקער אויסראָטונגס־מלחמה. דאָס איז נאַציישע פּאָליטיק לגבי אַלע באַזיגטע פעלקער, פריער פאַר אַלץ צו פאַרניכטן די אינטעליגענץ. אַזוי פאָדערן עס די אינטערעסן פון היטלערס וועלט־הערשאַפט, אַז פון די פעלקער אין אייראָפּע זאָל צוריקבלייבן ניט מער ווי אַ בלינדע אַנאַלפאַבעטישע מאַסע, אָן ווילן און כוח צום ווידערשטאַנד. און מיר וויסן אויך, אַז אויף קיין פאַל איז ניט פאַראַן די קלענסטע מעגלעכקייט פאַר אונדזערע ברידער אין דער פאַרשקלאַפטער אייראָפּע צו רואיקער ניכטערער פאָרש־אַרבעט וועגן זייערע פּראָבלעמען נאָך דער מלחמה. טוען מיר די אַרבעט פאַר זיי.

אַזוי געווינט אונדזער אַרבעט דאָ, אויף דער זייט ים, אַ גאַנץ באַזונדערע היסטאָרישע באַדייטונג. ווען עס וועט אויסשלאָגן די שעה, אַז באַפרייטע פעלקער וועלן זיך אָוועקזעצן מעסטן און וועגן פאַקטן און ציפערן, כדי איינצואָרדענען אַ נייע וועלט, וועלן מיר צוטראָגן אונדזערע פאַקטן און ציפערן, כדי פאַרשטענדלעך צו מאַכן, כדי צו מאָטיווירן און צו באַרעכטיקן דאָס, וואָס די באַפרייטע יידישע מאַסן וועלן פאָדערן פאַר זייער לעבן.

**א. מענעס**

# פראָבלעמען פון עקאָנאָמישן ווידעראויפבוי

אין די לענדער, וואָס ווערן היינט דירעקט אָדער אומדירעקט באַ־הערשט פון נאַצי־דייטשלאַנד, האָבן ערב דער מלחמה געלעבט איבער 8 מיליאָן יידן. בערך אַנדערהאַלבן מיליאָן אין מערב־איראָפּע און קרוב 7 מיליאָן אין מזרח־איראָפּע. אַ לפי־ערך קליינער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט נאָך באַוויזן באַצייטנס צו אַנטלויפן. דער רוב פון די פּליטים האָט קוים געראַטעוועט דאָס נאַקעטע לעבן. אַ סך האָבן אַפילו איבערגעלאָזן אין דער היים זייערע פאַמיליעס, זייערע פרויען און קינדער. ניט געקוקט אויף דעם ווערן די פּליטים נאָך באַטראַכט פאַר די גליקלעכע אין פאַרגלייך מיט דער גרויסער מאַסע יידן, וואָס זיינען פאַרבליבן אויף די ערטער און זיינען גע־צוווּנגען צו לעבן — אויב מען קען דאָס אָנרופן לעבן — אין היטלערס געטאָס.

אין צייטן פון קאַטאַסטראָפעס ווערט מען אָפט געטריבן צו טראַכטן וועגן פּראָבלעמען, וואָס ליגן מחוץ דעם קרייז פון די פּראַקטישע, טאָג־טעגלעכע זאָרגן. מיר יידן זיינען באַזונדערס געוווינט געניגט צו זען אין אונזערע גרויסע נאַציאָנאַלע אומגליקן די סימנים פון משיחס צייטן. עס איז דערפאַר ניט קיין חידוש, וואָס אויך אין אונזער צייט ווערן אַזוי ערנסט דיסקוטירט די פראַגן וועגן דעם קינפטיקן סדר העולם. אין דער יידישער וועלט ווערן אַחוץ דעם נאָך געפירט הייסע וויכוחים וועגן די וועגן און מיטלען ווי „ענדגילטיק" צו לייזן די יידישע פראַגע. דער יצר הרע זיך צו פאַרנעמען מיט די פּראָבלעמען פון אחרית הימים איז זייער שטאַרק. מיר ווילן פונדעסטוועגן פּרוּווןביישטיין דעם נסיון. די אויפגאַבע, וואָס מיר שטעלן זיך איצט, איז אַ לפי־ערך באַשיידענע. דאָס פּראָבלעם וואָס ווערט דאָ באַהאַנדלט, איז: לאָזט זיך אַנצייכענען אַ פּלאַן פון פּראַקטישער הילפס־אַרבעט במשך פון די ערשטע 5 יאָר נאָך דער מלחמה?

מיר האָבן מיט אַ כוונה זיך אָפּגעזאָגט צו פאָרמולירן ווייטגייענ־דיקע פּלענער און ענדגילטיקע לייזונגען. מען קען, ביי גינסטיקע אומשטענדן, אין אַ לפי־ערך קורצער צייט ענדערן דעם פּאָליטישן רעזשים פון אַ לאַנד; אויף איינצופירן ראַדיקאַלעווירטשאַפטלעכע

ענדערונגען פאָדערן זיך ביי די בעסטע באַדינגונגען אַ סך, אַ סך יאָרן. דאָס מוז מען באַזונדערס האָבן אין זינען, ווען עס רעדט זיך וועגן דער חרוב געוואָרענער איראָפּע און די נאָך מער חרובע יידישע ישובים אין איראָפּע. עס זיינען אָבער פאַראַן עלעמענטאַרע נויטן, וואָס מוזן אויף יעדן פאַל באַפרידיקט ווערן אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פון דעם סאָציאַלן אָדער פּאָליטישן סדר. אויך במשך פון דער קירצערער אָדער לענגערער איבערגאַנג־צייט, ביז עס וועט מער־ווייניקער קלאָר ווערן דער פּנים פון דער נאָך־מלחמהדיקער סאָציאַל־פּאָליטישער אָרדענונג אויף דער וועלט, וועלן יידן מוזן לעבן און וועלן מוזן פאַרדינען אויף צום לעבן. אַ ריי אַנגעזעענע מלוכה־מענער גיבן זיך שוין היינט אָפּ אַ חשבון וועגן דעם, אַז די נייע אָרדענונג וועט ניט געשאַפן ווערן אין איין טאָג; עס וועט מוזן נעמען אַ לענגערע צייט ביז עס וועלן רעגולירט ווערן די וויכטיקסטע אינטערנאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער פיקסירונג פון די שלום־באַדינגונגען. ענדגילטיקע לייזונגען וועלן אָגב ניט קענען געמאַכט ווערן אָן דער דירעקטער און אַקטיווער באַטייליקונג פון די ווידער־באַפרייטע פעלקער פון איראָפּע. וואָס איז שייך דער לייזונג פון די יידישע פּראָבלעמען, וועט דערצו זיכער זיין נייטיק די אַקטיווסטע באַטייליקונג פון די גרויסע יידישע ישובים אויף יענער זייט ים. מיר באַגרעניצן זיך דערפאַר מיט פאָרמולירן די פּראָבלעמען, וואָס זיינען שייך דער הילפס־ און ווידעראויפבוי־אַרבעט במשך פון דעם „לאַנגן וואָפנשטילשטאַנד". די צוקונפט פון די חרוב געוואָרענע יידישע ישובים אין דער אַלטער היים הענגט אָפּ אין גאַר אַ באַדייטנדיקער מאָס פון דעם: ווי גרויס וועט זיין די הילף, וואָס זיי וועלן באַקומען גראָד אין אָט די אַנטשיידנדיקע ערשטע יאָרן, און דער עיקר — ווי גיך וועט זיי דערגרייכן די דאָזיקע הילף?

מיר האָבן ניט קיין גענויע אינפאָרמאַציעס וועגן דעם איצטיקן מצב פון די יידן אין נאַצי־איראָפּע. מיר וויסן זייער ווייניק וועגן די באַדינגונגען, אין וועלכע זיי לעבן און פון וואָס זיי לעבן. מיר קענען היינט אויך ניט פאָרויסזען גענוי ווען און ווי די מלחמה וועט זיך פאַרענדיקן. דאָס טאָר אונז פונדעסטוועגן ניט אָפּהאַלטן פון צו טראַכטן וועגן די פּראָבלעמען פון דער נאָך־מלחמה־צייט. מיר וויסן, אַז דאָס יידישע לעבן אין איראָפּע איז חרוב און מיר בויען אַלע אונזערע פּלענער און האָפענונגען אויף דעם טיפן גלויבן, וואָס פאַרשטאַרקט זיך ביי אונז פון טאָג צו טאָג, אַז די דעמאָקראַטישע לענדער מוזן און וועלן זיגן. מיר קענען בכן ניט אָפּלייגן מיט גענויע דאָ־

טעס און ציפּערן. דאָס רוב ציפערן, וועלכע ווערן ווייטער גע־בראַכט, זיינען געבויט אויף מער־ווייניקער באַגרינדעטע שאַצונגען און האָבן דער עיקר דעם צוועק צו שאַפן זיך אַן אַלגעמיינע פאַרשטע־לונג וועגן די וויכטיקסטע אויפגאַבן פון דער הילפס־אַרבעט און וועגן די מיטלען, וואָס זיינען דערצו נייטיק.

ווי גרויס איז דער מאַטעריעלער שאָדן, וואָס די יידישע באַ־פעלקערונג אין אייראָפּע האָט געליטן? ביי היינטיקן טאָג איז נאַ־טירלעך ניט מעגלעך אויסצוגעפינען וועגן דעם מער־ווייניקער פאַר־לאָזלעכע ציפערן. עס איז אָבער יאָ מעגלעך זיך צו שאַפן אומגעפער אַ בילד וועגן דער גרויס פון יידישן פאַרמעגן אין אייראָפּע ערב דער מלחמה. נאָך אין 1938 האָט די נאַצי־רעגירונג געשאַצט דעם פאַר־מעגן פון די יידן אין דייטשלאַנד און עסטרייך אויף אַ סומע פון $2\frac{1}{2}$ ביליאָן דאָלאַר. עס קען זיין, אַז דאָס איז שוין דעמאָלט געווען אַ ביסל צו הויך געשאַצט. די שטייער־הכנסות פון די יידישע געמיינדעס אין דייטשלאַנד באַווייזן אָבער, אַז פאַר היטלערס קומען צו דער מאַכט האָט דער דורכשניט־פאַרמעגן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דייטשלאַנד יעדנפאַלס באַטראָפן ניט ווייניקער ווי 3,000 דאָלאַר פּראָ קאָפּ. דער יידישער ישוב אין האָלאַנד איז זיכער לויט דער מדרגה פון וווילשטאַנד ניט אָפּגעשטאַנען פון יידישן ישוב אין דייטשלאַנד. פאַר פראַנקרייך, בעלגיע, עסטרייך און בעמען (אין טשעכאָסלאָוואַ־קיע), וווּ עס האָט אויך געלעבט גאַר אַ גרויסע צאָל יידישע אַרבע־טער און קליינהענדלער (דער עיקר איינגעוואַנדערטע פון מזרח־איי־ראָפּע), רעכענען מיר אַ דורכשניט פון 1,200 ביז 1,500 דאָלאַר. דאָס וועט פאַר גאַנץ מערב־אייראָפּע אויסמאַכן אַ סכום פון לפּחות דריי ביליאָן דאָלאַר. אין מזרח־אייראָפּע שאַצן מיר דעם יידישן פאַרמעגן לויטן אַלגעמיינעם דורכשניט פון דער דאָרטיקער שטאָ־טישער באַפעלקערונג. דאָס וועט אויסמאַכן בערך 400 דאָלאַר פּראָ קאָפּ. פאַר זיבן מיליאָן נפשות באַקומט זיך אַזוי אַרום אַ סך־הכל פון 2,800 מיליאָן דאָלאַר.

עס וועט געוויס ניט זיין קיין גוזמא אָנצונעמען, אַז די נאַציס האָבן פאַרניכטעט אָדער אָוועקגערויבט מינדעסטנס 75 ביז 80 פּראָ־צענט פון יידישן פאַרמעגן. דער מאַטעריעלער שאָדן באַטרעפט בכן אַ סכום פון אַן ערך 4,500 מיליאָן דאָלאַר. די ציפער איז אין אמתן צו נידעריק. דערווירקלאַכער שאָדן איז בלי־ספק באַדייטנד גרע־סער. די נאַציס האָבן ביי דער יידישער באַפעלקערונג צוגענומען ניט נאָר זייערע געשעפטן, פאַבריקן און הייזער, נאָר אויך אַלע ווערט־

פולע חפצים פון פערזענלעכן געברויך און ניט זעלטן אפילו דעם לעצטן בגד.

דערמיט זיינען אבער די מלחמה־היזקות נאך ווייט ניט פארענ־דיקט. מיר לאזן דא אינגאנצן אין א זייט דעם פאקט, וואס הונדערטער טויזנטער יידן (צוזאמען מיט מיליאנען ניט־יידן) זיינען פארוואנדלט געווארן אין שקלאפן פון דער דייטשער מיליטערישער מאשין. ליי־דער האבן אפילו ניט אלע יידן דאס גליק צו זיין שקלאפן. א גרוי־סער טייל פון דער יידישער באפעלקערונג איז בכלל ארויסגעשטופט געווארן פון ווירטשאפטלעכן לעבן. די דייטשע מאכט פירט סיס־טעמאטיש דורך די פאליטיק פון איזאלירן יידן ניט נאר קולטורעל, נאר אויך ווירטשאפטלעך. די געטאס אין הייניטקן איירפּע זיינען פארן פיזישן קיום פון יידישן פאלק א סך געפערלעכער ווי די געטאס פון סוף מיטלעלטער. דער געטא־ייד איז דעמאלט געווען איזאלירט קול־טורעל און סאציאל, ער האט זיך אבער באטייליקט אין דער ווירטשאפט פון לאנד און ער האט על־פי־רוב אויסגעפירט גאר וויכטיקע עקאָ־נאמישע פונקציעס. די נאציס אקעגן פירן א פלאנמעסיקע עקאנא־מישע אויסראטונג־פאליטיק לגבי די יידן. אין היטלערס געטאס ווערן די יידן אויך עקאנאמיש דערשטיקט. נאך דער מלחמה וועט זיך זיכער פאדערן א סך ענערגיע, איניציאטיוו און טאקט, כדי מעגלעך צו מאכן, אז די יידישע באפעלקערונג זאל זיך ווידער איינגלידערן אין דער אלגעמיינער ווירטשאפט.

צום גרעסטן טייל זיינען די יידישע עקאנאמישע פאזיציעס פאר־נומען געווארן ניט פון דער ארטיקער באפעלקערונג, נאר פון די אנ־געקומענע נאציס, אדער פון מיטגלידער פון די דייטשע מינדערהייטן, וואס האבן שוין פאר דער מלחמה געלעבט אין די אקופירטע לענדער. א טייל פון די יידישע האנדלס־פונקציעס זיינען דא בכלל איבערגע־נומען געווארן פון דער דייטשער פארוואלטונג. די דייטשע מאכט נייטיקט זיך איצט ניט אין קיין תבואה־הענדלער, זי נעמט איינפאך ביים פויער אלץ אוועק, וואס זי קען נאר ביי אים קריגן. עס איז אויך מער ניטא קיין פלאץ פאר אימפארט־ אדער עקספארט־האנדל. דאס גאנ־צע עקאנאמישע לעבן ווערט רעגולירט פון דער אקופאציע־מאכט. די פאליטיק פון דער דייטשער מאכט גייט אגב לגמרי ניט אין דער ריכטונג צו פארבייטן די יידן מיט פאליאקן אדער אוקראינער. פארקערט, לויט דער נאצישער אידעאלאגיע, דארפן די סלאווישע פעלקער בלייבן פויערים אדער פראסטע ארבעטער און די אלע העכערע פונקציעס אין אינדוסטריע, האנדל און פארוואלטונג מוזן בלייבן רעזערווירט פאר

דער דייטשער האַרן־ראַסע. דער קאַמף פאַר עקאָנאָמישע פּאָזיציעס צווישן יידן און דייטשן אין די סלאַווישע לענדער איז איבעריקנס ניט אײנגאַנצן קיין נייע דערשיינונג. שוין אין מיטלעלטער האָבן די דייטשן אַפּט געבילדעט דעם וויכטיקסטן עלעמענט אין די שטעט פון בעמען, פוילן און אין די באַלטישע געגנטן. אין אַזאַ שטאָט ווי קראָקע, למשל, איז סוף מיטלעלטער די אומגאַנג־שפּראַך געוועזן דייטש. אַ דאַנק דער איניציאַטיוו און דעם פלייס פון די יידישע בעלי־מלאָכות און הענדלער איז דער דייטשער עלעמענט ביסלעכווייז אָפּגעשוואַכט געוואָרן און די שטעט האָבן זיך ווידער סלאַוויזירט. היינט באַנוצן די דייטשע הערשער אין זייער „דראַנג נאָך אָסטען" די מיטלען פון ברוטאַלסטן און בלוטיקסטן טעראָר. מיר גלויבן, אַז ווי נאָר עס וועלן געשאַפן ווערן נאָרמאַלע פאַרהעלטענישן, וועט די יידישע באַ־פעלקערונג באַווייזן זיך ווידער אײינצוגלידערן אין דער אַלגעמיינער ווירטשאַפט און וועט אַקטיוו מיטהעלפן ביים ווידער־אויפבוי פון די חרוב געוואָרענע לענדער.

ווי דעם גרעסטן נאַציאָנאַלן היזק באַטראַכטן מיר דעם געוואַל־טיקן פאַרלוסט פון מענטשלעכע לעבנס און די מוראדיקע דערשיטער־רונגען אויפן געביט פון פאָלקס־געזונט, וואָס מלחמה, הונגער, און עפּי־דעמיעס האָבן מיט זיך געבראַכט. די אַכט מיליאָן יידן אין די נאַצי־לענדער האָבן שוין היינט צו פאַרצייכענען דריי ביז פיר מאָל מער מלחמה־קרבנות ווי ענגלאַנד, פראַנקרייך, בעלגיע און האָלאַנד צוזאַ־מען גענומען. עס איז געווען אַ צייט ווען דאָס מענטשלעכע לעבן איז ניט אַזוי הויך אָפּגעשאַצט געוואָרן אין ווערט. מלוכה־פירערס האָבן געהאַלטן, אַז עס לוינט צו פאַרלירן מענטשן, אויב דאָס קען ווערן קאָמפּענסירט דורך דעם געווינס פון נייע טעריטאָריעס. מענטשן פאַרמערן זיך — האָט מען געטענהט — די ערד ווערט אָבער ניט גרע־סער. מען האָט אַפילו מורא געהאַט, די ערד זאָל ניט ווערן צו ענג פאַר די מענטשן. היינט הייבט מען אָן ביסלעכווייז צו פאַרשטיין, אַז פאַר־לירן מענטשן איז אַ סך געפערלעכער ווי פאַרלירן טעריטאָריע. אַ סך פון די פעלערן און טעותן, וואָס זיינען אין די לעצטע פאַר צענדליק יאָרן געמאַכט געוואָרן, קומען דערפון, וואָס מען האָט ניט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט די צענטראַלע באַדייטונג פון דער מענטשלעכער פערזענ־לעכקייט. אויך ווי אַן עקאָנאָמישער פאַקטאָר מוז דער לעבעדיקער מענטש פאַרנעמען דעם אויבן־אָן. מענטשלעכע איניציאַטיוו און די קוואַליטעט פון דער מענטשלעכער אַרבעט זיינען פּונקט אַזעלכע וויכטיקע עלעמענטן פון דער ווירטשאַפט, ווי רוישטאָפן און מאַשינען.

מיר ווילן האָפן, אַז נאָך דער קאָלאָסאַלער צעשטערונג פון מענטש־לעך לעבן, וואָס די איצטיקע מלחמה האָט מיט זיך געבראַכט, וועט די עקאָנאָמיע פון מענטשן, דער רעספּעקט פאַר מענטשלעך לעבן און מענטשלעכער אַרבעט, אָנהייבן צו פאַרנעמען דעם ריכטיקן פּלאַץ.

אין דער יידישער געשיכטע איז די עקאָנאָמיע פון מענטשן שטענ־דיק געווען אַ דאָמינירנדיקער מאָטיוו. דער לעבעדיקער מענטש איז געווען אונזער איינציקער פאַרמעגן. אויב אַ לאַנד ווערט חרוב, האָט געשריבן אַחד העם, קען מען עס נאָך ווידעראויפבויען; אויב אָבער אַ פאָלק ווערט חרוב, איז פאַר דעם שוין מער ניטאָ קיין תקנה. דאָס אויפהאַלטן פון דער פאַמיליע, די דערציאונג פון קינדער, די זאָרג פאַר קראַנקע, יתומים און אַלמנות האָט דערפאַר תמיד פאַרנומען אַ וויכטיקן פּלאַץ אין יידישן לעבן. אין אַלע תקנות, וואָס זיינען ביי יידן איינגעפירט געוואָרן אין צייטן נאָך נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפעס, ציט זיך דערפאַר דורך ווי אַ רויטער פאָדעם די אידעע — אָפּצוהיטן דעם וויכטיקסטן נאַציאָנאַלן פאַרמעגן, דאָס אידישע לעבן.

עס וואָלט מחמת דעם געווען אַ טעות צו מאַכן אַ פּרינציפּיעלן אונטערשייד צווישן סאָציאַלער און עקאָנאָמישער הילפס־אַרבעט. אין צייטן פון נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפעס איז שפּייזן קינדער, היילן קראַנקע, באַקליידן נאַקעטע די וויכטיקסטע קאָנסטרוקטיווע הילפס־אַרבעט. אָן געזונטע אַרבעטספעיקע מענטשן קען ניט זיין קיין גע־זונטע ווירטשאַפט. יעדע פּראָגראַם פון עקאָנאָמישן ווידעראויפבוי מוז דערפאַר קודם־כל אין זינען האָבן דעם יידישן מענטשן און מוז זיך שטעלן פאַר אַ באַזונדערער אויפגאַבע צו הייבן דעם געזונט־צושטאַנד און די מאָראַלישע כוחות פון דער יידישער באַפעלקערונג. אַ סך אויפ־מערקזאַמקייט מוז דערביי אויך געשענקט ווערן דעם יידישן ציבור־לעבן. יידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, חברות און קהילות האָבן פון תמיד אָן געשפּילט דירעקט און אומדירעקט אַ געוואַלטיקע ראָלע אין יידישן ווירטשאַפט־לעבן. שוין דאָס עצם־געפיל פון פאַר־בונדנקייט מיטן ציבור האָט געשטאַרקט דעם מוט פון דעם יידישן יחיד און האָט אים געהאָלפן בייצוקומען די שווערע נסיונות פון לעבן.

## די פינאַנסירונג פון דער ווידעראויפבוי־אַרבעט

דער ווידעראויפבוי פון די לענדער און געביטן, וואָס האָבן גע־ליטן פון דער מלחמה וועט פאָדערן געוואַלטיקע מיטלען, וועלכע וועלן אויף די ערטער גופא ניט קענען געשאַפן ווערן. עס איז, אמת, וואַר־שיינלעך, אַז גראַד דייטשלאַנד, וואָס האָט די וועלט־שרפה אָנגעצונדן,

וועט אַפילו נאָך אַ מיליטערישער קאַטאַסטראָפע, לפי־ערך ווייניקער האָבן געליטן פון דירעקטע מלחמה־שאָדנס ווי דאָס רוב אַנדערע לענדער. די מלחמה ווערט געפירט ניט אויף דער דייטשער טעריטאָריע און די נאַצי־רעגירונג נוצט אויס איר מאַכט צו עקספּלואַטירן און אויסצורויבן די באַצוווּנגענע פעלקער. דייטשלאַנד איז דאָס רייכסטע לאַנד אויפן אייראָפּעישן קאָנטינענט. די געוואַלטיקע קריגס־אינדוסטריע וואָס דאָס כלומרשט פּאַראָרעמטע דייטשלאַנד האָט אין משך פון עטלעכע יאָר באַוויזן צו באַשאַפן, איז דער בעסטער עדות פון דייטשלאַנדס ווירטשאַפטלעכער מאַכט. עס איז דערפאַר מער ווי נאַטירלעך, אַז דאָס פאָלק, וואָס האָט מיט זיין אַרבעטס־פעיקייט און דערפינדערישקייט באַוויזן חרוב צו מאַכן אַ וועלט, זאָל זיך אויך אין אַ געהעריקער מאָס באַטייליקן ביים ווידעראויפבוי פון די רואינירטע לענדער.

אייניקע דענקענדע און אויפריכטיקע דייטשע דעמאָקראַטן און סאָציאַליסטן האָבן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה דערקלערט, אַז עס איז די מאָראַלישע פליכט פון דייטשן פאָלק ווידעראויפצובויען די חרובֿע געגנטן אין בעלגיע און צפון־פראַנקרייך. דאָס דייטשע פאָלק וועט געוויס ניט קענען באַצאָלן אַלע שאָדנס, וואָס די נאַציס האָבן אָנגעמאַכט. עס ליגט אָבער אין די אינטערעסן גראָד פון אַ דעמאָקראַטישן דייטשלאַנד צו מאָביליזירן אַלע כוחות און אַלץ צו טאָן כדי מיטצוהעלפן, אַז די וווּנדן פון דער מלחמה זאָלן אַזוי גיך ווי מעגלעך פאַרהיילט ווערן. דאָס איז פאַרן דייטשן פאָלק דער איינציקער וועג, לפחות טיילווייז, אויסצוקויפן די שווערע שולד, וואָס זיינע פירער האָבן אויף אים אויפגעלאָדן. די דייטשע אינדוסטריע, וואָס האָט אַזויפיל אויפגעטאָן אין דער פּראָדוקציע פון שווערדן, וועט זיכער ברענגען מער נוצן, אויב זי וועט זיך אַ געוויסע צייט פאַרנעמען מיט דער פּראָדוקציע פון אַקעראייזנס פאַר זיך און פאַר דער וועלט.

מיר מוזן אָבער זיך רעכענען מיט דעם, אַז גראָד אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה וועט דייטשלאַנד זייער ווייניק קענען ביישטייערן צום ווידעראויפבוי פון אייראָפּע. מיר ווייסן עס פון די דערפאַרונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק. אַ געוויסע צייט וועלן די זיגער־מלוכות אַפילו נאָך מוזן זאָרגן פאַר דער דערנערונג פון דער דייטשער באַפעלקערונג. דער דייטשער ביישטייער צום ווידעראויפבוי פון די צעשטערטע געביטן וועט בכן ערשט קענען קומען שפּעטער. מען קען שוין היינט מיט זיכערקייט זאָגן, אַז אָן דער הילף פון אַמעריקע וועט אייראָפּע זיך ניט קענען אויפבויען. די

פּאַראייניקטע שטאַטן, וואָס זיינען געוואָרן דער אַרסענאַל פון דער דע־מאָקראַטיע בעת דער מלחמה, וועלן אויך מוזן ווערן דער אַרסענאַל פאַר די פרידנס־באַדערפעניש'ן פון די פּאַראָרעמטע און רואינירטע פעלקער לפּחות אין די ערשטע 10 יאָר נאָך דער מלחמה. די צע־שטערונגען אין איראָפּע און אין אַנדערע וועלט־טיילן (באַזונדערס אין כינע) זיינען מחמת דער ברוטאַליטעט פון די אָקופּאַנטן און טייל־וויז אויך צוליב דער פּאָליטיק פון דער „פאַרברענטער ערד" גאַרניט אין אַן ערך גרעסער, ווי נאָכן ערשטן וועלט־קריג. די פּאַראיי־ניקטע שטאַטן וועלן בכן דאָס מאָל נאָך שפּילן אַ וויכטיקערע ראָלע ביי דער עקאָנאָמישער רעקאָנסטרוקציע פון דער וועלט, ווי מיט 25 יאָר צוריק.

מיר זיינען משער, אַז כדי צו באַזאָרגן איראָפּע מיט די סאַמע נייטיקסטע רוישטאָפן, לעבנסמיטלען און מאַשינען במשך פון די ערשטע 5 יאָר וועלן זיין נייטיק קרעדיטן אויף אַ סומע פון בערך 25—30 ביליאָן דאָלאַר (אָדער 5—6 ביליאָן דאָלאַר אַ יאָר). די דרינגענ־דיקסטע באַדערפעניש'ן פון דער יידישער באַפעלקערונג וועלן, ווי מען קען משער זיין, באַטרעפן 200—250 מיליאָן דאָלאַר אַ יאָר. בלויז אויף מעדיצינישע הילף, באַשפּייזונג און באַקליידונג פון די יידן אין מזרח־איראָפּע וועלן אין די ערשטע 2—3 יאָר נייטיק זיין לפּחות 100 מיליאָן דאָלאַר יערלעך. ווי אַזוי וועלן קענען געשאַפן ווערן אַזעלכע קאָלאָסאַלע מיטלען?

נאָכן ערשטן וועלט־קריג זיינען די יידן אין איראָפּע געווען אָנ־געוויזן דער עיקר אויף דער הילף פון די יידישע קיבוצים אין אַמעריקע. אָן דער הילף פון אַמעריקע וועט איראָפּע זיך ניט קענען אויפבויען. די די דאָזיקע ברידערלעכע הילפס־אַקציע פון יידישן קיבוץ אין די פּאַראייניקטע שטאַטן לטובת די יידן אויף יענער זייט ים ביל־דעט איינעם פון די שענסטע קאַפּיטלען אין דער יידישער געשיכ־טע, וואָס איז אַזוי רייך מיט סאָלידאַרישע אַקציעס פון הילף און פדיון שבויים. אין די יאָרן 1919—1920 האָט דער „דזשאָינט" אַליין פאַרטיילט אַ סומע פון 22,350,000 דאָלאַר. מען דאַרף רעכענען, אַז בערך נאָך 5—6 מיליאָן דאָלאַר זיינען פאַר דער צייט פאַרטיילט געוואָרן פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, דער עיקר פון לאַנדסמאַנשאַפטן. אַזוי אַרום האָט די אונטערשטיצונג, וואָס די יידישע אָרגאַניזאַציעס פון אַמעריקע האָבן אַריבערגעשיקט קיין איראָפּע אין 1919—1920, באַ־טראָפן בערך 14 מיליאָן דאָלאַר אַ יאָר. אין דער שפּעטערדיקער צייט איז די סומע געלטער, וואָס דער „דזשאָינט" האָט פאַרטיילט, שטאַרק

געפאַלן. בסך־הכל האָבן די יידישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס אין אַמע־ריקע פאַר די יאָרן 1919—1939 אַריבערגעשיקט קיין אייראָפּע אַ סומע פון בערך 120 מיליאָן דאָלאַר. דערפון פאַלט אויס אויפן חלק פון „דזשאָינט״ קרוב 100 מיליאָן דאָלאַר.

אַפילו אין די יאָרן 1919—1920 האָט די אונטערשטיצונג, וואָס די 7 מיליאָן יידן אין אייראָפּע האָבן באַקומען פון די יידישע אָרגאַניזאַ־ציעס אין אַמעריקע, אויסגעמאַכט אין דורכשניט אויף אַ נפש ניט מער ווי 2 דאָלאַר אַ יאָר אָדער 4 סענט אַ וואָך. עס פאַרשטייט זיך, אַז די הילפס־געלטער זיינען ניט פאַרטיילט געוואָרן צווישן דער גאַנ־צער יידישער באַפעלקערונג און דיווירקלעכע שטיצע, וואָס די סאַמע נויטבאַדערפטעקסטע האָבן באַקומען, איז געווען באַדייטנד גרעסער. מיט דער הילף פון אַמעריקע זיינען אויסגעהאַלטן געוואָרן כמעט אַלע וויכטיקע אַנשטאַלטן פון סאָציאַלער הילף, ווי שפּיטאַלן, יתומים־הייזער, קינדערהיימען אאַז״וו. דער ווייט־גרעסטער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אייראָפּע האָט אמת אויך אין די שווערסטע יאָרן פון דער מלחמה און נאָך דער מלחמה געלעבט פון אייגענע מיטלען. די הילף פון אַמעריקע האָט אָבער געשפּילט אַ געוואַלטיקע ראָלע אויף וויפל זי האָט גראָד אַרויסגעהאָלפן אין קריטישע מאָמענטן. אַן אָרע־מען בעל־מלאכה האָט מען אָפט געראַטעוועט מיט די עטלעכע דאָלאַר, פאַר וועלכע ער האָט זיך איינגעשאַפט אַ מאַשין. מיט דער הילף פון „דזשאָינט״ איז אויך אויפגעבויט געוואָרן אַ נעץ פון קרעדיט־קאָאָפּע־ראַטיוון, וועלכע האָבן מיט דער צייט זיך איינגעשאַפט אַ באַדייטנדיקן אייגענעם קאַפּיטאַל, וואָס איז ווייט אַריבערגעשטיגן די סומע, וועלכע דער „דזשאָינט״ האָט בייגעטראָגן.

באַדייטנד גרעסער איז געווען די הילף, וואָס די יידן אין אייראָפּע האָבן באַקומען דירעקט פון זייערע קרובים אין אַמעריקע. מיר האָבן ליידער ניט קיין ציפערן וועגן די סומעס, וואָס יידישע יחידים האָבן אַריבערגעשיקט אויף יענער זייט ים. לפי־ערך אַ קליינער טייל האָבן זיך ביים איבערשיקן געלט און פעקלעך באַנוצט מיט דער פאַרמיט־לונג פון די יידישע אָרגאַניזאַציעס, ווי „דזשאָינט״ און „האַיאַס״. מיר זיינען דערפאַר געצוווּנגען צו זוכן אומדירעקטע וועגן כדי פעסטצו־שטעלן דעם פאַרנעם פון יידישער קרובים־הילף אין די יאָרן 1919—1939.

עס זיינען פאַראַן ידיעות, ריכטיקער שאַצונגען, וועגן דעם סכום געלטער, וואָס עמיגראַנטן אין אַמעריקע האָבן איבערגעשיקט אין זייערע היימלענדער. דערין זיינען אַריינגערעכנט אויך די סומעס,

וואָס די רע־עמיגראַנטן פלעגן מיטנעמען פאַרנדיק צוריק אַהיים. מיר האָבן אַחוץ דעם אויך אָפיציעלע און פריוואַטע שאַצונגען פאַר אַ רייי לענדער אין איראָפּע וועגן דעם באַטרעף פון די עמיגראַנטן־געלטער, וואָס פלעגן אַהין אַריינקומען. לויט די דאָזיקע שאַצונגען זיינען אין 1919—1921 פון די פאַראייניקטע שטאַטן אַריבערגעשיקט געוואָרן דורכשניטלעך 400—600 מיליאָן דאָלאַר יערלעך. דער אָפּשטעל פון דער פרייער אימיגראַציע האָט ביסלעכווייז געפירט צו אַ באַדייטנדיקער פאַרקלענערונג פון די סומען, וואָס זיינען אַריבערגעשיקט געוואָרן פון די אימיגראַנטן אין זייערע היימלענדער. אין 1925 האָבן די אַריבערגעשיקטע עמיגראַנטן־געלטער באַטראָפן אַ סומע פון 275 מיליאָן דאָלאַר. אין קריזיס־יאָר 1933 האָט די סומע אויסגעמאַכט 110 מיליאָן דאָלאַר. אין 1936 איז זי ווידער געשטיגן אויף 172 מיליאָן. אין לעצטן פרידנס־יאָר, אין 1938, איז דער באַטרעף פון די אַריבערגעשיקטע געלטער ווידער געפאַלן אויף 150 מיליאָן דאָלאַר. אַחוץ פון די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען אויך נאָך איבערגעשיקט געוואָרן באַדייטנדיקע סומעס פון עמיגראַנטן צו זייערע קרובים אין דער היים פון קאַנאַדע (18.7 מיליאָן דאָלאַר אין 1925) און אַרגענטינע (28.5 מיליאָן דאָלאַר אין 1925).

וואָס פאַר אַ חלק פון אָט די אַריבערגעשיקטע געלטער פאַלט אויס אויף די יידישע אימיגראַנטן? פאַר די יאָרן 1900—1920 האָבן יידן אויסגעמאַכט איבער 10 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער איינוואַנדערונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן. מיר גלייבן, אַז די יידישע אימיגראַנטן זיינען געוויס ניט אָפּגעשטאַנען פון די אַנדערע נאַציאָנאַלע גרופּעס אין פּרט פון צוגעבונדנקייט צו זייערע קרובים. עס האָט אמת ביי יידן געפעלט דער טיפּ עמיגראַנטן, וואָס זיינען געקומען אין אַמעריקע בלויז צו פאַרדינען אַ ביסל געלט און אַוועקצופאָרן צוריק אַהיים מיט דעם אָפּגעשפּאָרטן קאַפּיטאַל. דאָס ווערט אָבער קאָמפּענסירט מיט דעם, וואָס די יידן, בלייבנדיק אין לאַנד, האָבן במשך פון אַ לענגערער צייט געקענט אונטערשטיצן זייערע קרובים. מיר האַלטן בכן, אַז די יידן זיינען געווען באַטייליקט — לויט זייער אַנטייל אין דער איינוואַנדערונג — מיט בערך 10 פּראָצענט אין די אַריבערגעשיקטע עמיגראַנטן־געלטער. די יידישע קרובים־הילף פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט אַזוי אַרום באַטראָפן:

1919—1921 דורכשניטלעך 40—60 מיליאָן דאָלאַר אַ יאָר.

1922—1929 דורכשניטלעך 20—30 מיליאָן דאָלאַר אַ יאָר.

1930—1938 דורכשניטלעך 12—17 מיליאָן דאָלאַר אַ יאָר.

צו דעם קומען נאָך צו די סומעס, וואָס יידישע אימיגראַנטן האָבן אַריבערגעשיקט צו זייערע קרובים פון קאַנאַדע, דרום־אַמעריקע, דרום־אַפריקע א״אַנד. בסך־הכל, קען מען משער זיין, האָט די אונטערשטי־צונג, וואָס די יידן אין אייראָפּע האָבן באַקומען פון זייערע קרובים אויף יענער זייט ים אין די יאָרן 1919—1939, באַטראָפן אַ סכום פון איבער 500 מיליאָן דאָלאַר. די געלטער פון די גרויסע יידישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס האָבן אַזוי אַרום אויסגעמאַכט ניט מער ווי 20% פון דער אַלגעמיינער הילף, וואָס די פאַרארעמטע יידישע ישובים אין אייראָפּע האָבן באַקומען פון אַמעריקע.

בסך־הכל האָט דאָס יידישע אייראָפּע אין דעם פעריאָד 1919—1921 באַקומען אין דורכשניט 50—70 מיליאָן דאָלאַר אַ יאָר פון די לענדער מעבר לים. עס איז דעריבער זיכער ניט קיין גוזמא אָנצונעמען, אַז בערך 30—40 פּראָצענט פון יידישע משפחות אין די מזרח־אייראָפּעישע לענדער האָבן די ערשטע דריי יאָר נאָך דער מלחמה גאָר אַ באַדייטנדיקן טייל פון זייער בודזשעט געדעקט פון די אונטערשטיצונגען (סיי פּריוואַטע סיי געזעלשאַפטלעכע) פון אַמעריקע. אין די 30ער יאָרן האָט די אונטערשטיצונג פון אַמעריקע (אַריינגערעכנט די קרובים־הילף) שוין אויסגעמאַכט ניט מער ווי 3—4 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער הכנסה פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער אַלטער היים.

דער חורבן פון די יידישע ישובים אין היינטיקן אייראָפּע לאָזט זיך לגמרי ניט פאַרגלייכן מיטן מצב פון דער יידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד, פּוילן און די אַנדערע מזרח־אייראָפּעישע מלוכות נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז אויף צו דעקן די סאַמע דרינגנדיקסטע נויטן וועט זיך פאָדערן לפּחות אַ סומע פון 200—250 מיליאָן דאָלאַר אַ יאָר. די גרויסע יידישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס וועלן העכסטנס קענען באַשאַפן 10—15 מיליאָן דאָלאַר אַ יאָר. די קרובים־אונטערשטיצונג וועט איצט זיכער זיין אַ סך קלענער ווי נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. די סיבה איז גאָר אַ פּשוטע. דער ווייט גרעסטער טייל פון יידישן אימיגראַנטן־עולם אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז אין 1919—1920 באַשטאַנען פון יונגע לייט, וואָס זיינען נאָך ניט לאַנג געווען אַוועק פון דער היים. דאָרטן, אין דער אַלטער היים, זיינען פאַרבליבן די נאָענטסטע מענטשן: עלטערן, ברידער, שוועסטער, די בעסטע חברים. עס איז געוויינלעך געווען אַ גרויסע פרייד, ווען מען פלעגט באַקומען אַ פּערזענלעכן גרוס פון דער פאַמיליע. במשך פון די פאַרגאַנגענע 25 יאָר איז די

יידישע אימיגראַנטן־מאַסע אין אַמעריקע עלטער געוואָרן. מען שרייבט ווייניקער און מען באַקומט אויך ווייניקער בריוו פון דאָרטן. עס איז אַגב אָפּט ניטאָ שוין צו וועמען צו שרייבן. אַ סך פון די נאָענטסטע מענטשן, וואָס מען האָט איבערגעלאָזן אין דער היים, זיינען מער ניט צווישן די לעבעדיקע. די צאָל יידן פון אַלטן דור ווערט אויך אין אַמעריקע כסדר קלענער און דער יונגער דור האָט גאָר אַ קנאַפּע אַנונג וועגן אייראָפּע און די נאָענטערע אָדער ווייטערע קרובים, וואָס לעבן דאָרטן. עס איז דערפאַר היינט די פליכט פון די יידישע באַרופענע אָרגאַניזאַציעס צו זאָרגן דערפאַר, אַז דאָס געפיל פון נאָענטקייט און פאַרבונדנקייט צווישן די יידן פון אַמעריקע און די יידן פון אייראָפּע זאָל אויף ווי ווייט מעגלעך אויפגעהאַלטן ווערן. דאָס איז אַ פּראָבלעם ניט נאָר פון הילף פאַר אייראָפּע, וואָס איז אַגב זייער אַ וויכטיקער ענין, נאָר האָט אויך אַ גרויסע קולטור־מאָראַלישע באַדייטונג פאַרן יידישן ישוב אין אַמעריקע. דאָס מזרח־אייראָפּעיִשע יידנטום בילדעט נאָך ביז צום היינטיקן טאָג דעם וויכטיקסטן צווייג פון יידישן פאָלקס־שטאַם און וועט, ווי מיר האָפן, אויך אין דער צוקונפט בלייבן דער וויכטיקסטער טרעגער פון יידישן לעבן און דער פּיאָנער פון יידישער קולטור־שאַפונג.

מיר מוזן זיך אָבער רעכענען מיט דעם אומפאַרמיידלעכן פאַקט, אַז די קרובים־הילף וועט איצט זיין אַ סך קלענער ווי נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. מען וועט עס קענען באַטראַכטן פאַר אַ גרויסן אויפטו, אויב די יידישע הילפס־געלטער (פּריוואַטע און געזעלשאַפטלעכע) וועלן אין דער ערשטער צייט דערגרייכן אַ סומע פון 25—35 מיליאָן דאָלאַר אַ יאָר. דאָס וועט אויסמאַכן ניט מער ווי 15% פון די נייטיקע מיטלען אויף צו פינאַנסירן די הילפס־ און ווידעראויפבוי־אַרבעט פאַר די חרובע יידישע ישובים אין אייראָפּע. עס איז וויכטיק זיך אָפּצוגעבן וועגן דעם אַ חשבון באַצייטנס. די ריין יידישע הילף וועט דאָס מאָל ניט קענען שפּילן אַזאַ ראָלע ווי נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. אויך די הילפס־אַרבעט לטובת דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון אייראָפּע וועט ווייט אַריבערשטייגן די כוחות פון פּרייוויליקע פּריוואַטע אָרגאַניזאַציעס. די קאָלאָסאַלע פינאַנציעלע מיטלען, וואָס וועלן זיך פאָדערן פאַר דער רעקאָנסטרוקציע־אַרבעט, וועלן קענען געשאַפן ווערן נאָר דורך דירעקטע מלוכה־סובסידיעס אָדער דורך קרעדיטן, וואָס וועלן ווערן גאַראַנטירט פון די מלוכות — אין דער ערשטער שורה נאַטירלעך פון דער רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן. די יידישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס וועלן זיך מוזן איינגלידערן אין די געהעריקע

אינטער־מלוכהשע אָרגאַנען, וואָס וועלן פאַר דעם צוועק געשאַפן ווערן, און זייער אויפגאַבע וועט דאָ דאַרפן זיין, אָפּצוהיטן די אינטע־רעסן פון דער יידישער באַפעלקערונג און צו זאָרגן פאַר אַ ריכטיקער און פלאַנמעסיקער פאַרווענדונג פון די מיטלען.

אויפן ערשטן בליק קען אויסוויזן, אַז עס איז פאַר אַמעריקע גאָרניט אַזאַ שווערער ענין צו שאַפן 5—6 ביליאָן דאָלאַר אַ יאָר פאַר ווידעראויפבוי ־ צוועקן. די מלחמה ־ הוצאות פון די פאַראייניקטע שטאַטן באַטרעפן שוין היינט קרוב 4 ביליאָן אַ חודש און מען זעט פאָרויס, אַז זיי וועלן אין 1943 שטייגן ביז 6 ביליאָן דאָלאַר אַ חודש. עס איז אָבער אַ גרויסער חילוק צווישן צייטן פון מלחמה און צייטן פון שלום. עס איז אַחוץ דעם אויך אַן אונטערשייד, צי דאָס געלט ווערט אויס־געגעבן אין לאַנד גופא אָדער מען דאַרף עס אַרויספירן אין אויסלאַנד. די פּראָדוציר־כוחות פון אַמעריקע זיינען אַזוי געוואַלטיק, אַז עס וועט פאַר דער ווירטשאַפט פון די פאַראייניקטע שטאַטן ניט זיין קיין צו שווערע אויפגאַבע, צו נעמען אויף זיך די דורכפירונג פון דעם רע־קאָנסטרוקציע־פּראָגראַם. מען מוז אָבער כסדר האָבן אין זינען, אַז די פאַראייניקטע שטאַטן וועלן אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה האָבן צו לייזן אַ ריי זייער ערנסטע אייגענע פּראָבלעמען. צום סוף פון דער מלחמה וועט אַמעריקע וואַרשיינלעך האָבן אַן אַרמיי פון מינ־דעסטנס 6—7 מיליאָן סאָלדאַטן, דערפון וועלן אייניקע מיליאָן זיין צעשפּרייט אויף די פאַרשיידענע פראָנטן אין אַלע וועלט־טיילן. ברענ־גען די סאָלדאַטן צוריק אַהיים און געפינען פאַר זיי אַרבעט וועט געוויס זיין ניט קיין לייכטע אויפגאַבע. פּאַראַלעל מיט דעם וועט די גאַנצע אינדוסטריע, וואָס אַרבעט איצט פאַר מלחמה־צוועקן, זיך מוזן איבער־שטעלן און זיך צופּאַסן צו די פאָדערונגען פון דער שלום־צייט. צו דעם וועט צוקומען די זאָרג פאַר די פאַרוואונדעטע, אינוואַלידן און פאַר די פאַמיליעס פון די מלחמה־קרבנות. דער נאַציאָנאַלער חוב פון די פאַראייניקטע שטאַטן וועט וואַרשיינלעך דערגרייכן די אַסטראָנאָ־מישע ציפער פון 150—200 ביליאָן דאָלאַר. דאָס וועט אַרויפוואַרפן אַ געוואַלטיקע און לאַנג־דויערנדיקע לאַסט אויף די פּלייצעס פון דעם אַמעריקאַנער שטייער־צאָלער. ווען מען באַטראַכט, אַז די גאַנצע הכנסה פון דער פעדעראַלער רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט אין 1939 באַטראָפן ניט מער ווי 5,668 מיליאָן דאָלאַר, — פאַרשטייט מען, ווי שווער עס וועט זיין אַפילו פאַר דער רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן צו פינאַנסירן דאָס ווידעראויפבוי־פּראָגראַם פאַר אייראָפּע. 5—6 ביליאָן דאָלאַר אַ יאָר מאַכט אויס דורכשניטלעך 150—200 דאָלאַר

אויף אַ פאַמיליע (אין די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען פאַראַן בערך 30 מיליאָן פאַמיליעס). דאָס איז אַ סומע, וואָס לאָזט זיך פילן.

גראָד אין דער ערשטער צייט וועט לפי־ערך זיין גרינגער צו באַשאַפן די נייטיקע הילף. די פאַראייניקטע שטאַטן וועלן זיכער האָבן באַדייטנדיקע לאַגערן פון לעבנסמיטלען, בגדים און מעדיקאַמענטן פאַר דער אַרמיי, וואָס וועט זיך צום טייל לאָזן אויסנוצן (ווי דאָס איז געווען נאָכן ערשטן וועלט־קריג) פאַר די הצטרכותן פון דער ציווילער באַפעלקערונג. דער לענד־ליס־אַפאַראַט וועט אויך נאָך פונקציאָנירן אַ קורצע צייט נאָך דער מלחמה און דאָס וועט טעכניש־פינאַנסיעל פאַרגרינגערן די ליפערונג פון רוישטאָפן און פאַרטיקע פראָדוקטן פאַר איראָפע, וואָס זיינען צום טייל פאַר דעם צוועק אַפילו שוין צוגעגרייט געוואָרן. מיט דער צייט וועט אָבער מוזן געשאַפן ווערן אַ שלום־וואַריאַנט פון דעם לענד־ליס־אַקט, וואָס וועט מעגלעך מאַכן די אָרגאַניזירונג פון סיסטעמאַטישער און פלאַנמעסיקער הילף פאַר דער רואינירטער וועלט. דאָס וועט אַגב זיין אין די אינטערעסן פון אַמעריקע גופא. דער ווידעראויפבוי פון איראָפע וועט טיילוויז העלפן באַזייטיקן די געפאַר פון נאָך־מלחמהדיקער אַרבעטלאָזיקייט אין אַמעריקע און וועט פאַר דער אינדוסטריע פון די פאַראייניקטע שטאַטן פאַרגרינגערן דעם איבערגאַנג פון מלחמה־פראָדוקציע צו שלום־פראָדוקציע. מען דאַרף זיך פונדעסטוועגן ניט פאָרשטעלן, אַז אַמעריקע וועט שיקן רוישטאָפן און מאַשינען קיין איראָפע אינגאַנצן אָן געלט. דער אַלטער „נאָרמאַלער" וועג פון געשעפטלעכע קרעדיטן מיט הויכע צינזן וועט זיך אויך זיכער ניט לאָזן דורכפירן. דער פריוואַטער קאַפיטאַל וועט איצט, נאָך די ביטערע דערפאַרונגען פון די לעצטע פאַר צענדליק יאָר, ניט אַזוי גיך זיין גרייט צו אינוועסטירן געלט אין פרעמדע לענדער. דער היינטיקער מענטש זוכט פאַר זיין אָפגעשפאָרטן קאַפיטאַל אין דער ערשטער שורה ניט קיין פראָפיטן, נאָר זיכערקייט. די רעגירונגען און די אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַנען, וואָס וועלן זיך פאַרנעמען מיט דער דורכפירונג פון דעם ווידעראויפבוי־פלאַן, וועלן מחמת דעם מוזן געפינען אַ נייעם מאָדוס פון פינאַנסירן, אַ מין קרעדיט אָן צינזן אָדער אויף זייער נידעריקע צינזן, וואָס וועט, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אין אַ געוויסער מאָס זיין אַ ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דעם לענד־ליס־אינסטרומענט.

דערפון איז קלאָר, אַז די עפנטלעכע קערפערשאַפטן: די מלוכה־אָרגאַנען, מוניציפאַל־פאַרוואַלטונגען, קהילות אאַז"וו וועלן טראָגן די הויפט־אַחריות פאַר דער דורכפירונג פון דער ווידעראויפבוי־אַר־

בעט. פּריוואַטע אונטערנעמונגען וועלן שפּילן לפּי־ערך אַן אומ־באַדייטנדיקע ראָלע, ווייל עס וועט פאַר זיי זיין אוממעגלעך צו קריגן מער־וויניקער באַדייטנדיקע קרעדיטן אויפן געשעפטלעכן וועג. דאָס וועט די יידישע עפנטלעכע קערפּערשאַפטן און הילפס־אָרגאַניזאַציעס שטעלן פאַר אַ ריי ערנסטע און שווערע פּראָבלעמען. די אָרגאַניזירטע און קאָנטראָלירטעווירטשאַפט, ווי זי איז דורכגעפירט געוואָרן פאַר דער מלחמה פון אייניקע רעאַקציאָנערע רעגירונגען אין אייראָפּע, האָט ניט זעלטן געהאַט דעם בפירושן צוועק אַרויסצושטופּן די יידן פון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. מען וועט בכן מוזן זאָרגן דערפאַר, אַז די אָרגאַנען פון עקאָנאָמישער רעקאָנסטרוקציע זאָלן ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין אינסטרומענטן פון עקאָנאָמישן קאַמף און באַיקאָט לגבי דער יידישער מינדערהייט.

## די הילפס־ און ווידעראויפבוי־אַרבעט

במשך פון די ערשטע פאַר יאָר נאָך דער מלחמה וועט די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט מוזן אָפּגעגעבן ווערן אויף צו באַפרידיקן די סאַמע עלעמענטאַרסטע נויטן פון דער באַפעלקערונג. די פאַרטיילונג פון לעבנסמיטלען און בגדים, די זאָרג פאַר קראַנקע און יתומים וועלן אין דער ערשטער צייט פאַרשלינגען אַלע הילפס־רעסורסן, וואָס וועלן זיך געפינען אין אונזער רשות. דאָס הייסט אָבער ניט, אַז מיר מוזן זיך איינגאַנצן אָפּזאָגן פון קאָנסטרוקטיווע פּלענער, פון הילף דורך אַרבעט. מיט דעם מאָמענט, ווען די טויערן פון די געטאָס וועלן זיך עפענען, וועלן זיך אויך פאַר דער יידישער באַפעלקערונג עפענען באַדייטנד גינסטיקערע אויסזיכטן פון אַרבעט און פאַרדינסט. ווו עס וועט זיך נאָר באַווייזן די מינדסטע מעגלעכקייט צו געפינען אָדער באַשאַפן אַרבעט פאַר יידישע אַרבעטס־מענטשן, וועט דאָס נאַטירלעך זיין דער בעסטער און געזינטסטער וועג פון הילף. אויך ביי דער דורכפירונג פון דער סאָציאַלער הילפס־אַקציע וועט מען זיך מוזן באַמיען, אויף ווי ווייט מעגלעך, אויסצונוצן אויף אַ פּראָדוקטיוון אופן די אַרבעטס־קראַפט פון דער יידישער באַפעלקערונג. יידישע אַרבעטער און יידישע בעלי־מלאָכות קענען אַ סך מיטהעלפן ביים צוגרייטן בגדים, ביים רעמאָנטירן דירות, ביים אויפבוי פון יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און אַזוי ווייטער. די גאַנצע אָרגאַניזאַציע פון דער הילפס־אַרבעט וועט בכן פון ערשטן טאָג אָן מוזן דורכגעפירט ווערן לויט אַן ערנסט דורכגעטראַכטן פּלאַן. מען דאַרף זיך אָבער אויך ניט

מאַכן קיין צו גרויסע אילוזיעס. די נויט אין עלעמענטאַרער הילף וועט לפּחות דעם ערשטן יאָר זיין אַזוי געוואַלטיק גרויס, אַז אונז וועלן ניט פֿאַרבלייבן קיין מיטלען און קיין ענערגיע, כּדי צוצוטרעטן צו דער רעאַליזירונג פֿון גרעסערע קאָנסטרוקטיווע פּלענער.

די צווייטע דרינגענדיקע אויפגאַבע וועט זיין — רעפּאַטריאַציע. די צאָל יידישע היימלאָזע, פֿאַרטריבענע און אַנטלאָפענע איז איצט גאָרניט אין אַן ערך גרעסער ווי בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. מחוץ פֿון דעם דייטשן אָקופּאַציע־געביט (דער עיקר אין ראַטן־רוס־לאַנד) געפינען זיך קרוב אַנדערהאַלבן מיליאָן יידישע פּליטים. אויך אין דייטשן אָקופּאַציע־געביט גופא זיינען הונדערטער טויזנטער יידן אויפן ברוטאַלסטן אופן פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון זייערע היימען און זיינען פֿאַרשפּאַרט געוואָרן אין די געטאָס. צענדליקער טויזנטער יידן זיינען אינטערנירט אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן אָדער אין לאַגערן פֿאַר קריגס־געפֿאַנגענע. אָן אַ שיעור יידישע פֿאַמיליעס זיינען צעבראָכן געוואָרן. עלטערן זיינען אָפּגעריסן געוואָרן פֿון זייערע קינדער, פֿרויען פֿון זייערע מענער. די רעפּאַטריאַציע־אַרבעט וועט דערפֿאַר דאַרפֿן באַשטיין ניט סתם אין ברענגען די פּליטים צוריק אַהיים, נאָר קודם־כּל אין צונויפֿברענגען די פֿאַמיליעס. עס וועלן בלי ספק זיין פֿאַלן, ווען פּליטים וועלן באַשליסן צו פֿאַרבלייבן אין די לענדער, וווּ זיי האָבן גע־פֿונען אַ מקום מקלט, און זייער עיקר זאָרג וועט זיין, ווי אַריבערצו־ברענגען די פֿאַמיליעס אין דער נייער היים. די רעפּאַטריאַציע־אַרבעט וועט אויך פֿינאַנציעל און עקאָנאָמיש האָבן אַ געוואַלטיקע באַדייטונג. עס איז איבעריק צו באַווייזן, אַז אונטערשטיצן אין פֿאַמיליע פֿון פֿיר נפֿשות, למשל, פֿאָדערט אַ סך ווייניקער מיטלען ווי אונטערשטיצן פֿיר יחידים. נאָך וויכטיקער אָבער איז דער מאָמענט, וואָס די אומזיכער־קייט בנוגע דעם גורל פֿון די נאָענטסטע מענטשן און דער עצם צושטאַנד פֿון היימלאָזיקייט פֿאַראַליזירן דעם ווילן און די איניציאַטיוו פֿון די באַטראָפֿענע. די ליקווידאַציע פֿון דער יידישער היימלאָזיקייט און דאָס צונויפֿברענגען פֿון די פֿאַמיליעס מוזן פֿון אונז באַטראַכט ווערן ווי די וויכטיקסטע הנחות פֿאַרן ווידעראויפֿבוי פֿון דעם יידישן לעבן.

צו דער רעפּאַטריאַציע־אַרבעט אין ברייטערן זינען רעכענען מיר אויך די אויפֿגאַבע פֿון אויסגעפֿינען פֿאַמיליעס און קרובים, וואָס וועלן מסכּים זיין אויפֿצונעמען יתומים. אין אַ סך פֿאַלן וועט אַפֿילו אויס־קומען צו זוכן אַזעלכע קרובים אין לענדער מעבר לים. די יתומים־פֿראַגע וועט בכלל אין משך פֿון יאָרן פֿאַרבלייבן איינע פֿון אונזערע אחריות׳פֿולסטע אויפֿגאַבן. צוליב פֿינאַנציעלע טעמים וועט געוויס

ניט מעגלעך זיין אויסצוהאַלטן אַלע יתומים אין אַנשטאַלטן. עס איז כדאי צו פאַרצייכענען, אַז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען בערך אַ העלפט פון די קיילעכדיקע יתומים (אָן אַ טאַטן און אָן אַ מאַמען) אויפגעהאָדעוועט און דערצויגן געוואָרן אין פּריוואַטע פאַמי־ליעס. די יידישע עפנטלעכקייט וועט אָבער האָבן די פליכט, צו נעמען אונטער איר השגחה סיי די יתומים אין די אַנשטאַלטן, סיי די יתומים, וואָס וועלן זיך געפינען אין פּריוואַטע פאַמיליעס. מיר דאַרפן בכלל רעכענען, אַז די קרובים־הילף וועט זיין פון גאָר אַ גרויסער באַדייטונג ביי דער דורכפירונג פון דער רעפּאַטריאַציע־אַרבעט. עס איז מחמת דעם שוין איצט אונזער חוב צו סטימולירן ביי דער יידישער באַפעלקע־רונג אין אַמעריקע דעם אינטערעס פאַר זייער נאָענטערע אָדער ווייטערע קרובים אויף יענער זייט ים.

צו די סאַמע דרינגענדיקסטע אויפגאַבן, וואָס מען וועט אויף איין מאָמענט ניט קענען אָפּלייגן, געהערט דער ענין פון דערציאונג. עס וואַקסט איצט אויף אין נאַצי־איראָפּע אַ יונגער יידישער דור, וואָס באַקומט כמעט ניט קיין שום דערציאונג. דאָס יידישע שול־וועזן איז חרוב. יידישע קינדער ווערן אויפגעהאָדעוועט אין עלנט און אומ־וויסנקייט, אָן דער מינדסטער צוגרייטונג צום שווערן קאַמף פון לעבן. אויף וויפל עס וועט נאָר זיין מעגלעך, וועט מען אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה מוזן אָניאָגן דאָס אַלץ, וואָס איז פאַרנאַכלעסיקט גע־וואָרן אין די אומגליקלעכע יאָרן פון מלחמה און חורבן, כדי צו פאַר־היטן, עס זאָל ניט אויסוואַקסן קיין דור פון גייסטיקע קאַליקעס.

ערשט נאָכדעם ווי אונז וועט זיך איינגעבן צו פאַרבינדן די געפער־לעכסטע ווונדן אין יידישן פאָלקס־קערפּער, וועט מען קענען צוטרעטן צו דער דורכפירונג פון גרעסערע קאָנסטרוקטיווע פּלענער. מיר האָבן אָבער דאָ ניט בדעה פאַרצולייגן אַ גענוי אויסגעאַרבעטן פּלאַן פון עקאָנאָמישער רעקאָנסטרוקציע און וועלן זיך בלויז באַנוגענען מיט אָנצייכענען די אַלגעמיינע קאָנטורן פון אַזאַ פּלאַן.

אונזער צענטראַלע אויפגאַבע וועט מוזן זיין — אינדוסטריאַליזי־רונג. פּוילן, ווייס־רוסלאַנד און טיילווייז אויך אוקראַינע האָבן די לעצטע צייט געליטן פון אַ שטאַרקער איבער־באַפעלקערונג אין דאָרף. קיין פרייער באָדן איז אין מזרח־איראָפּע — אַחוץ רוסלאַנד — כמעט ווי ניטאָ, און עס קען דאָ דערפאַר ניט זיין קיין שום רייד וועגן פּרוּוון פון יידישער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע פון אַ מער־ווייניקער ערנסטן פאַרנעם. אינדוסטריאַליזאַציע איז דאָ אָבער ניט בלויז אַ יידישע פּראָבלעם. אין די 2 צענדליק יאָר נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה

איז די אינדוסטריאַליזירונג אין מזרח־אייראָפּע (אַחוץ רוסלאַנד) לייַדער געגאַנגען זייער לאַנגזאַם. דאָס איז געווען די עיקר־סיבה פון דער לאַנג־דויערנדיקער עקאָנאָמישער דעפּרעסיע אין פּוילן און די שכנות׳דיקע קלענערע מלוכות. ניט געקוקט אויף דעם האָט זיך במשך פון די צען יאָר צווישן 1921 און 1931 אין פּוילן באַדייטנד פאַרגרעסערט די צאָל יידן, וואָס זיינען געווען באַשעפטיקט אין מלאָכה און אינדוסטריע. אַ ריי נייע אינדוסטריע־צווייגן זיינען דאָ נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אינגאַנצן אויפגעבויט געוואָרן אַ דאַנק יידישער איניציאַטיוו. מיר האָבן ניט קיין שום גרונט צו צווייפלען, אַז אויך נאָך דער איצטיקער וועלט־קאַטאַסטראָפע וועט יידישע איניציאַטיוו און יידישער אַרבעטס־פלייס אַ סך בייטראָגן צום ווידעראויפבוי פון דער אינדוסטריע אין מזרח־אייראָפּע.

די אַנטוויקלונג אין אייראָפּע בכלל און אין מזרח־אייראָפּע בפרט וועט וואַרשיינלעך נאָך דער מלחמה גיין אין דער ריכטונג פון אַ מער אָרגאַניזירטער און קאָנטראָלירטער עקאָנאָמיק. די פּריוואַטע אונטערנעמער און געשעפטסלייט זיינען מייסטנס פאַראָרעמט, זייערע געשעפטן און פאַבריקן זיינען צום גרעסטן טייל רואינירט. די הילף, וואָס וועט קומען פון דרויסן, וועט גיין כמעט אויסשליסלעך דורך מלוכהשע קאַנאַלן און וועט דער עיקר סטימולירן די עפנטלעכע ווירטשאַפט. עס וואָלט פונדעסטוועגן געווען אַ געפערלעכע אילוזיע זיך פאָרצושטעלן, אַז מען קען אין מזרח־אייראָפּע אין אַ לפי־ערך קורצער צייט איינפירן אַ פּלאַנירטע ווירטשאַפט. די אַזוי גערופענע מיטל־שיכטן: פּויערים, בעלי־מלאָכות און קליינע געשעפטסלייט בילדן דאָ דעם רוב בנין ורוב מנין פון דער באַפעלקערונג. אַפילו אין רוסלאַנד, ווו עס איז אָנגעווענדעט געוואָרן די גאַנצע מאַכט פון דער מלוכה־דיקטאַטור, האָט עס פונדעסטוועגן גענומען צוועלף—פופצן יאָר ביז עס איז ליקווידירט געוואָרן דער גרעסטער טייל פון די קליינע אונטערנעמונגען אין שטאָט און דאָרף. וואָס איז שייך דער יידישער באַפעלקערונג, איז גענוג אָנצווייזן אויף דעם פאַקט, אַז קנאַפּע 10 יאָר נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, בעת דער אַלגעמיינער פאָלקס־ציילונג פון 1926, האָבן איבער אַ העלפט פון די יידן געצויגן זייער חיונה פון מלאָכה און קליינהאַנדל. עס איז מער ווי וואַרשיינלעך, אַז דער מיטלשטאַנד, און קודם־כל דער פּויערים־קלאַס, וועט אין משך פון די נאָענטסטע פאַר צענדליק יאָר זיין דער דאָמינירנדיקער פּאָליטישער כוח אין אַזעלכע לענדער ווי פּוילן, רומעניע וכו׳. עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז אַפילו אין רוסלאַנד זאָל באַדייטנד שטייגן דער פּאָליטישער איינפלוס פון

פויערים־קלאַס. אויך ביי די יידן אין איראָפּע וועלן די מיטעלע שיכטן נאָך לאַנג שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע. אַ יידישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק טאָר דאָס ניט פאַרגעסן און די באַרופענע יידישע אָרגאַניזאַציעס וועלן דאַרפן אַלץ טאָן, כדי צו שיצן די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

דער אַנטיסעמיטיזם האָט פון תמיד אָן אָפּעריִרט מיט דעם אַרגו־מענט, אַז יידן פאַרנעמען זיך הויפּטזעכלעך מיט „אומפּראָדוקטיווע" פּרנסות און מיידן אויס, אויף ווי ווייט מעגלעך, פיזישע אַרבעט. די היינטיקע נאַציס, וואָס קריטיקירן אַזוי שאַרף די יידן, האַלטן אַגב, אַז מיט שווערער פיזישער אַרבעט דאַרפן זיך פאַרנעמען די נידריקערע ראַסעס און די דייטשן זיינען פון גאָט באַשאַפן געוואָרן צו באַהערשן די וועלט און זיך צו פאַרנעמען מיט דער בכבודיקער מלאָכה פון קריג און רויב. דאָס איז אַגב שוין אויך געווען די „וועלט־אַנשויאונג" פון די עלטער־פאָטערס פון די היינטיקע דייטשע יונקערס. די אַנטיסעמי־טישע טענות האָבן פונדעסטוועגן געפונען אָן אָפּקלאַנג אין גאָר ברייטע קרייזן. עס זיינען אַפילו פאַראַן סאָציאַליסטן, וועלכע האַלטן זיך נאָך ביי דער פּרימיטיוו־מאַטעריאַליסטישער פאַרשטעלונג, אַז נאָר פיזישע אַרבעט איז פּראָדוקטיוו. לויט אָט דער שיטה, למשל, איז שעקספּיר געווען אַן אומפּראָדוקטיווער מענטש, ווייל ער האָט גאָרניט „געשאַפן". זיינע ווערק האָבן נאָר אויף אַזוי פיל אַ „ווערט", אויף וויפל עס ליגט אין זיי די אַרבעט פון די זעצער און דרוקער. אויך אין רוס־לאַנד האָט מען זיך אַ לענגערע צייט געהאַלטן ביי דער טעאָריע, אַז האַנדל איז אַן אומפּראָדוקטיווע פּרנסה, און דער גאַנצער האַנדלס־קלאַס, אַפילו די אָרעמסטע קרעמער און מאַרק־הענדלער, זיינען אַריינגעפאַלן אין דער גרופּע פון די אַזוי גערופענע „לישענצעס", ביי וועמען מען האָט צוגענומען אַלע בירגערלעכע רעכט.

מיר זיינען געוויס פאַראינטערעסירט, אַז דער אָנטייל פון יידן אין האַנדל און אַנדערע פאַרמיטלער־פּרנסות זאָל זיך מיט דער צייט פאַרקלענערן, אַז דאָס יידישע עקאָנאָמישע לעבן זאָל ווערן וואָס מער דיפערענצירט. עקאָנאָמישע עקספּערימענטן מוזן אָבער געמאַכט ווערן מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיקייט, ווען ס'איז דערמיט פאַרבונדן דער גורל פון לעבעדיקע מענטשן. ס'איז פאַראַן אַ גרויסע געפאַר, אַז גראָד אין אַזעלכע לענדער ווי פּוילן אָדער רומעניע, וווּ די מיטל־שיכטן וועלן וואַרשיינלעך באַהערשן דאָס פּאָליטישע לעבן, זאָל געמאַכט ווערן דער פּרוּוו „דורכצופירן סאָציאַליזם" אויפן חשבון פון יידן. אַזעלכע „סאָ־ציאַליסטישע" פּרוּוון זיינען שוין געמאַכט געוואָרן. עס איז גענוג

אַנצוווייזן אויף דער געשיכטע פון דעם טאַבאַק־מאָנאָפּאָל אין פּוילן. דער איבערגאַנג פון די פּריוואַטע טאַבאַק־פאַבריקן אין די הענט פון דער מלוכה האָט דאָ געפירט דערצו, אַז כמעט אַלע יידישע אַרבעטער זיינען מיט געוואַלט אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון אַן אינדוסטריע־צווייג, וואָס איז איינגאַנצן אויפגעבויט געוואָרן דורך יידישער איניציאַטיוו און יידישער אַרבעט.

אויף וויפל באַשטימטע צווייגן פון אינדוסטריע און האַנדל וועלן ווערן נאַציאָנאַליזירט, און דאָס וועט אין אַ סך פאַלן געוויס נייטיק זיין, וועלן מיר מוזן פאָדערן, אַז די רעכט פון די, וואָס זיינען דאָרטן געווען באַשעפטיקט, זאָלן ווערן געשיצט. עס וועט זיי מוזן גוזיכערט ווערן די מעגלעכקייט איבערצוגיין צו אַנדערע פאַכן אָדער אויסצו־נוצן זייער דערפאַרונג אין די ניי־געשאַפענע מלוכה־אָרגאַנען.

מען רעדט אָפט וועגן די „אייזערנע געזעצן", וואָס באַשטימען דעם גאַנג פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, און קעגן וועלכע מען קען זיך כלומרשט גאָרניט אַנטקעגנשטעלן. אָט די פאָרשטעלונג, וואָס איז שטאַרק פאַרשפּרייט אַפילו אין דעמאָקראַטישע און סאָציאַ־ליסטישע קרייזן, איז אי פאַלש, אי שעדלעך. די געשיכטע פון די לעצטע פאַר צענדליק יאָר באַווייזט אונז, אַז גאָר אָפט ווערט ניט די פּאָליטיק באַשטימט פון דער ווירטשאַפט, נאָר פאַרקערט, דאָס גאַנצע עקאָנאָמישע לעבן ווערט ניט זעלטן געשטעלט אין דינסט פון באַשטימטע פּאָליטישע צילן. דער קאַמף, וואָס די דעמאָקראַטישע וועלט פירט היינט קעגן די טאָטאַליטאַרע רעזשימען, האָט נאָר אַ זין, אויב וויפל אונז וועט זיך איינגעבן צו פאַרבייטן די אייזערנע געזעצן מיט מענטש־לעכע געזעצן. אין דער נייער וועלט־אָרדענונג, וואָס וועט געשאַפן ווערן נאָך דער מלחמה, וועט מען זיך מער ניט קענען און ניט טאָרן באַציען גלייכגילטיק צום גורל פון הונדערטער טויזנטער פאַמיליעס, וואָס ווערן דורך די „אייזערנע געזעצן" פון דער עקאָנאָמיק אַרויס־געוואָרפן אויפן גאַס.

די יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטערשאַפט, וועמען קיינער וועט ניט קענען חושד זיין אין פּרינציפּיעלער קעגנערשאַפט צו אַן אָרגאַני־זירטער און פּלאַנירטער ווירטשאַפט, וועט באַזונדערס זיין באַרופן צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקע־רונג. און די יידישע אינטערעסן פאַלן דאָ צונויף מיט די אַלגעמיינע אינטערעסן. די עקאָנאָמיע פון מענטשן און פאַר מענטשן איז היינט ניט בלויז אַ יידישע פאָדערונג. עס מוז ענדלעך געמאַכט ווערן אַ סוף מיט דעם באַגריף פון „איבעריקע" מענטשן. אַ ריכטיקע עקאָנאָמישע

פּאָליטיק קען און מוז געפינען וועגן, ווי אויסצונוצן אויפן בעסטן אופן אַלע מענטשלעכע ענערגיעס. דאָס מוז מען האָבן כסדר אין זינען ביים דורכפירן פון אַלערליי נייע עקספּערימענטן און רעפאָרמעס.

אַחוץ דער הילף פאַר בעלי־מלאָכות און קליינע געשעפטס־לייט אין דער פאָרם פון סובסידיעס און קרעדיטן וועט פון דאָס ניי מוזן אַוועקגעשטעלט ווערן אויפן סדר־היום די פראַגע וועגן פּראָדוציר־קאָאָפּעראַציע. די פּרוּוון, וואָס זיינען ביז אַהער ביי יידן אויף דעם געביט געמאַכט געוואָרן, האָבן זיך אמת כמעט אַלע פאַרענדיקט מיט דורכפאַלן. דאָס טאָר אונז פונדעסטוועגן ניט אָפּהאַלטן פון ווייטער־דיקע פּרוּוון אויפן געביט פון קאָאָפּעראַטיווער אָרגאַניזאַציע פון יידישע אַרבעטער און בעלי־מלאָכות. מיר וועלן מוזן אויסנוצן אַלע פאָרמען פון עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציע פאַרן ווידעראויפבוי פון יידישן לעבן. די פּריוואַטע איניציאַטיוו וועט, לויט אונזער מיינונג, אויך נאָך דער מלחמה נאָך שפּילן אַ באַדייטנדיקע ראָלע, זי וועט אָבער זיכער אַליין די גרויסע אויפגאַבע פון רעקאָנסטרוקציע ניט קענען דורכפירן. עס וועט אין גאַר אַ סך פאַלן זיכער זיין גרינגער צו באַקומען גרעסערע סובסידיעס אָדער ביליקע קרעדיטן פאַר קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס, וואָס וועלן זיך געפינען אונטער דער השגחה פון יידישע קהילות אָדער צענטראַלע יידישע קערפּערשאַפטן, ווי פאַר יחידים.

עס איז שווער איצט פאָרויסצוזען, וואָס פאַר אַ ראָלע עמיגראַציע וועט שפּילן אין יידישן לעבן נאָך דער מלחמה. מען קען אמת רעכענען, אַז די איינוואַנדערונגס־געזעצן וועלן מיט דער צייט אין אַ סך לענדער באַדייטנד געמילדערט ווערן. די ווייסע באַפעלקערונג אין איראָפּע, אַמעריקע און אויסטראַליע פאַרמערט זיך כמעט ניט. עס איז שוין גאָר ניט ווייט דער מאָמענט, ווען ניט מענטשן וועלן זוכן באָדן, נאָר דער לייידיקער באָדן און די אומבאַרירטע אוצרות פון דער נאַטור וועלן רופן נאָך מענטשלעכע אַרבעטס־הענט. פאַר אויסטראַ־ליע, למשל, קען אַפילו די איינוואַנדערונגס־פראַגע ווערן אַ פּראָבלעם פון נאַציאָנאַלן קיום. מיר גלייבן אָבער ניט, אַז שוין אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה וועלן זיך ברייט עפענען די טויערן פון די איינוואַנדערונגס־לענדער. עס וועט נאָך מוזן גערדויערן אַ געוויסע צייט ביז די וועלט וועט קומען צו זיך און די פעלקער וועלן זיין גרייט צו ענדערן זייער איינשטעלונג לגבי דער אימיגראַציע־פראַגע.

מען טאָר דערביי אויך ניט פאַרגעסן, אַז צו עמיגראַציע זיינען נייטיק ניט נאָר וויזעס. אין די יאָרן פאַר דער מלחמה זיינען איבער

60% פון אַלע יידישע עמיגראַנטן געפאָרן אויף די מיטלען פון זייערע קרובים, וואָס האָבן געלעבט אין אַמעריקע אָדער אין דרום־אַפריקע. יידישע עמיגראַציע איז געווען בעיקר אַ קרובים־עמיגראַציע. מיר רעכענען, אַז אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה וועט אָן דער הילף פון קרובים בכלל כמעט ניט מעגלעך זיין פאַר יידן צו עמיגרירן. אַ פּלאַנמעסיקע עמיגראַציע־פּאָליטיק, וואָס שטעלט זיך נאַציאָנאַלע צילן, איז בכל־אופן ניט קיין פראַגע פון דעם איבערגאַנגס־פּעריאָד און קען ניט באַשלאָסן ווערן על רגל אחת.

מיר האָבן ביז אַהער בכוונה אויסגעמיטן צו באַהאַנדלען די פראַגע וועגן די מעגלעכקייטן און פּערספּעקטיוון פון יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל. מיר רעכענען, אַז אויך ארץ־ישראל וועט זיך סיי עקאָנאָמיש, סיי פּאָליטיש נייטיקן אין אַן „איבערגאַנגס־פּעריאָד". די קאָלאָניזאַציע־אַרבעט אין ארץ־ישראל פאָדערט אויסערדעם געוואַל־טיקע פינאַנסיעלע מיטלען, און דאָס באַגרענעצט נאַטירלעך אין גאָר אַ גרויסער מאָס די איינוואַנדערונגס־מעגלעכקייטן. במשך פון די יאָרן 1919—1939 זיינען אַריינגעקומען אין לאַנד איבער 300,000 יידישע איינוואַנדערער, וועלכע האָבן אַריינגעבראַכט אַ סכום (צוזאַמען מיט די געזעלשאַפטלעכע פאָנדן) פון קרוב 500 מיליאָן דאָלאַר. דאָס מאַכט אויס 1,500 דאָלאַר אויף אַ נפש, ניט אַריינגערעכנט די רייזע־הוצאות. עס איז אפשר מעגלעך אויסצוגעפינען מער שפּאָרעוודיקע וועגן פון יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל, ווי ביז אַהער. דאָס וועט אָבער דאָס פּראָבלעם ראַדיקאַל ניט ענדערן. במשך פון די ערשטע עטלעכע יאָר נאָך דער מלחמה וועט ארץ־ישראל יעדנפאַלס ניט געבן קיין ענטפער אויף דער נויט פון די מיליאָנען יידן אין איי־ראָפּע. דאָס ארץ־ישראל־פּראָבלעם מוז דערפאַר באַטראַכט ווערן באַזונדער, אומאָפּהענגיק פון די דרינגענדיקע אויפגאַבן, וואָס וועלן זיך פאַר אונז שטעלן אין איראָפּע.

עס זיינען ביי אונז פאַראַן פאַרשיידענע מיינונגען וועגן דער צוקונפט פון יידן אין איראָפּע, עס זיינען אָבער ביי אונז ניטאָ קיין חילוקי־דעות וועגן דעם, אַז די יידן אין איראָפּע מוזן האָבן אַ צוקונפט. און כדי צו קענען טראַכטן און מאַכן פּלענער וועגן דער יידישער צוקונפט, וועט מען במשך פון עטלעכע יאָר מוזן זאָרגן, אַז די רואינירטע יידישע קיבוצים זאָלן קענען באַפרידיקן זייערע טעגלעכע נויטן. אונזער גאַנ־צע הילפס־טעטיקייט במשך פון דעם איבערגאַנגס־פּעריאָד מוז באַ־טראַכט ווערן ווי אַ הכשרה־אַרבעט, וואָס דאַרף צוגרייטן די באַדינ־גונגען פאַר גרעסערע קאָנסטרוקטיווע פּלענער פון אַ נאַציאָנאַלן באַטייט.

דאָס יידישע פאָלק האָט אין זיין ־מער ווי דריי טויזנט־יעריקער געשיכטע איבערגעלעבט אַ סך נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפעס און חורבנות. אויב אונזערע עלטערן האָבן באַוויזן גובר צו זיין אַזוי פיל צרות, זיך תמיד ווידער צו שטעלן אויף די פיס און אָנהייבן אַלץ פון דאָס ניי, איז דאָס געווען אויסשליסלעך אַ דאַנק זייער אומבאַגרענעצטן בטחון און זייער טיפן גלויבן אין אַ בעסערער צוקונפט. זיי האָבן געוווסט, אַז רשעות וועט ניט אייביק געוועלטיקן איבער דער ערד. אָט דער גלויבן האָט זיי געגעבן דעם מוט צו גרינדן פאַמיליעס, צו פירן געשעפטן און אויף די ערטער פון די אַלטע חורבות ווידער אויפצובויען אַ ניי לעבן. אונזער היינטיקער דור איז פאַרמאַטערט, דערדריקט און פאַרצווייפלט פון דעם גרויסן אומגליק, וואָס אונזער פאָלק האָט געטראָפן. אַ סך פון אונז האָבן אָנגעווירן דעם בטחון, דעם גלויבן אין דער צוקונפט און ווערן באַהערשט פון דעם געפיל פון מורא פאַר דער צוקונפט, פון מורא פאַרן לעבן. די געוואַלטיקע גרויסע צאָל פון זעלבסטמאָרדן ביי די דייטשע יידן און אַפילו ביי די יידישע פליטים פון דייטשלאַנד איז דער דייטלעכסטער אויסדרוק פון אָט דער מורא פאַרן לעבן. אין איצטיקן מאָמענט האָט דאָס אַמעריקאַנער אידנטום אַ גרויסע נאַציאָנאַלע שליחות. דאָס יידישע אַמעריקע קען זייער אַ סך אויפטאָן אין פרט פון העלפן שטאַרקן דעם מוט און דעם ווילן צום ווידערשטאַנד ביי אונזערע ברידער אין איראָפּע. מיר מוזן כסדר האָבן אין זינען, אַז די הילף זאָל די מקבלים ניט דערנידעריקן און דעפרימירן, נאָר זאָל זיי מאָראַליש דערהייבן און דערמוטיקן. די יידן אין איראָפּע מוזן דערפילן, אַז זיי זיינען ניט אַליין און דאָס וועט זיי העלפן אויפצוהאַלטן דעם גלויבן אין דער צוקונפט, דעם גלויבן אין אַ בעסערער און גע־רעכטער וועלט.

ד״ר עמנואל פּאַט

# דאָס פּראָבלעם פון יידישער קינדער־הילף נאָך דער מלחמה

די אויפגאַבע פון דעם דאָזיקן רעפעראַט איז ניט צו שילדערן, מיט וואָס פאַר אַ מיטלען מען קען לינדערן די קינדער־נויט נאָך דער מלחמה. דאָס איז די טעמע פון אַן אויספירלעכער סטודיע, אין וועלכער עס זיינען אויסגעפאַרשט געוואָרן די יידישע און ניט־יידישע דערפאַרונגען אויף דעם געביט פון נאָכמלחמהדיקער קינדער־הילף און עס זיינען געמאַכט געוואָרן אויספירן און פאָרשלאָגן פאַר דעם פאַרשטייענדיקן פעריאָד פון הילפס־טעטיקייט.

דאָ ווילן מיר בלויז אָוועקשטעלן דאָס פּראָבלעם פון קינדער־הילף גופא ניט ווי אַן ענין פאַר הילפס־טוער, נאָר ווי אַ וויכטיקע אַל־געמיין־נאַציאָנאַלע פראַגע, אַנמערקנדיק דערביי די וויכטיקסטע פּראַק־טישע פראַגעס, וואָס ווענדן זיך שטעלן אין אַט דעם צוזאַמענהאַנג.

עס קענען זיין פאַרשיידענע מיינונגען וועגן דעם, אין וואָס פאַר אַ ריכטונג עס דאַרף גיין די נאָכמלחמהדיקע אויפבוי־אַרבעט אויף דער יידישער גאַס. עס קען אָבער ניט זיין קיין שום ספק, אַז לכל־הפחות אין ערשטן פעריאָד וועט אין סאַמע צענטער שטיין די פשוטע רעטונגס־אַרבעט, ד״ה דאָס שיצן פון אונטערגאַנג די לעבעדיקע מאַטעריע פון פאָלק, די יידישע באַפעלקערונג, וואָס וועט ניצול ווערן פון דער מלחמה־פאַרניכטונג, וועט אויסגעשטעלט זיין נאָך דער מלחמה צו ווייטערע געפאַרן: הונגער, מגיפות, עקאָנאָמישע קריזיסן. פאַרהיטן פון די דאָזיקע געפאַרן — דאָס וועט דאַרפן זיין די הויפּט־אויפגאַבע פון יעטוועדער הילפס־טעטיקייט.

אין דעם געראַנגל מיט דער געפאַר פון אומקום וועט קינדער־הילף פאַרנעמען דעם אויבנאַן. אַזוי איז געווען נאָך יענער וועלט־מלחמה און אַזוי אויך וועט אַן ספק זיין דעם איצטיקן מאָל.

אָבער ווען מיר ריידן וועגן יידישער קינדער־הילף נאָך דער מלחמה, דאַרפן מיר ניט טראַכטן אין קאַטעגאָריעס פון דער געוויינלע־כער קינדער־רעליף־טעטיקייט, וועלכע מיר קענען דאָ אין אַמעריקע

אָדער וואָס איז פאַר דער איצטיקער מלחמה געפירט געוואָרן אין פוילן אָדער אין אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער.

קינדער־הילף צילט אומטעום אַרומצונעמען יענע מינדערהייט קינדער פון פאָלק, וואָס האָבן ניט די לעבנס־באַדינגונגען פון אַלגע־מיינעם כלל קינדער. איר אויפגאַבע איז: אויסגלייכן דעם מצב פון אָט דער מינדערהייט מיטן מצב פון דער מערהייט קינדער פון פאָלק.

אַנדערש וועט זיין די סיטואַציע אויף דער יידישער גאַס נאָך דער איצטיקער מלחמה. הגם קיינער קען נאָך ניט וויסן, ווי גרויס ס׳וועט זיין דער חורבן, קען מען שוין היינט זאָגן אויף זיכער, אַז די פאַרשיי־דענע גרופּעס קינדער, וואָס זייער לעבן איז דורך דער מלחמה דענאָר־מאַליזירט געוואָרן, וועלן צוזאַמען בילדן ניט די מינדערהייט, נאָר די גרויסע מערהייט פון דער קינדער־מאַסע. אויב נאָך דער לעצטער וועלט־מלחמה האָט מען אין פוילן פעסטגעשטעלט, אַז דורכשניטלעך איז יעדעס פינפטע קינד געווען אַ יתום, און אין וואָלין אָדער פאָלעסיע — יעדעס פערטע קינד, האָבן מיר ליידער יעדן גרונט אָנצונעמען, אַז דאָס מאָל וועט דער פּראָצענט זיין אַ סך אַ גרעסערער. בלויז אין 1941 זיינען אין וואַרשע פאַריתומט געוואָרן לכל־הפחות 30,000 קינדער. אויב מיר נעמען אָן, אַז אין וואַרשע זיינען פאַראַן בערך 150 טויזנט יידישע קינדער, הייסט דאָס, אַז בלויז אין דעם איינעם יאָר האָט מען דערגרייכט אַזאַ פּראָצענט יתומים, וואָס בעת דער ערשטער מלחמה האָט מען דע־רויף געברויכט גאַנצע 4 יאָר.

נאָך ערגער מוז זיין די לאַגע פון די פּליטים־קינדער. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען פאַריתומט געוואָרן לכל־הפחות 50% פון די קינדער, וואָס זיינען עוואַקואירט געוואָרן צוזאַמען מיט זייערע עלטערן אין טיף־רוסלאַנד. בעת דער איצטיקער מלחמה איז די צאָל פּליטים־קינדער אַ פיל גרעסערע און זייערע לעבנס־באַדינגונגען — אָן אַן ערך אַן ערגערע. מען קען דעריבער אויך דאָ ניט דערוואַרטן, אַז דער פּראָצענט יתומים זאָל זיין אַ קלענערער.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט בלויז אויף איין קאַטעגאָריע קינדער, וואָס זייער לעבן ווערט דענאָרמאַליזירט: יתומים.

אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס וועט אָבער דענאָרמאַלי־זירט ווערן דאָס לעבן פון פיל גרעסערע מאַסן קינדער — טאַקע פון אָט די הונדערטער טויזנטער פּליטים־קינדער, פון די קינדער, וואָס וואַקסן אויס אויפן גאַס, וואָס האָבן ניט קיין שול אאז״וו.

ווען די מערהייט פון יונגן דור פון אַ פאָלק געפינט זיך אין אַ מצב, אַז זי קען ניט צוריק אַרויף אויפן וועג פון נאָרמאַלער אַנטוויקלונג אָן דער אָרגאַניזירטער הילף מצד דער געזעלשאַפט — דאַן הערט אויף דאָס דאָזיקע פּראָבלעם צו זיין אַן ענין פאַר ספּעציאַליסטן אָדער גלאַט פאַר קינדער־פריינט, נאָר עס וואַקסט אויס צו איינעם פון אונדזערע סאַמע וויכטיקסטע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען.

באַזונדערס קלאָר מוז עס ווערן, ווען מיר נעמען אין אַכט, ווי קליין ס׳וועלן דאַן זיין די רייען פון יינגסטן דור פון פאָלק.

יעדע מלחמה רופט אַרויס אַ פאַרגרעסערונג פון קינדער־שטאַרבלעכקייט. אָבער לגבי דעם, וואָס עס קומט איצט פאָר אין פוילן, מוזן בלאַס ווערן אַלע ציפערן פון דער לעצטער וועלט־מלחמה. אַלס אילוסטראַציע קען דערמאָנט ווערן דער פאַקט, אַז אין זומער 1941 האָט מען פעסטגעשטעלט בעת אַן אויספאָרשונג אין 22 וואַרשעווער הייזער, אַז במשך פון די קנאַפּע צוויי יאָר מלחמה זיינען געשטאָרבן 30% פון אַלע קינדער, וואָס האָבן דאָרט געוווינט. און די גרויסע שטאַרבלעכקייט צוליב הונגער און עפּידעמיעס האָט זיך דאָך אָנגעהויבן ערשט שפּעטער, אין די האַרבסט־חדשים 1941! פאַרן גאַנצן יאָר 1941 זיינען אין וואַרשעווער געטאָ געשטאָרבן פון 15 ביז 20 טויזנט קינדער!

מען דאַרף דערביי געדענקען, אַז די צאָל געבורטן איז גוואַלדיק געפאַלן. לויט ווי די פּרעסע האָט געמאָלדן, האָט מען אין לאָדזשער געטאָ פאַרן דריטן קוואַרטאַל פון 1941 אויפגעציילט סך־הכל 8 (אַכט!) געבורטן פון יידישע קינדער. און פון די פּריש־געבוירענע עופעלעך זיינען דאָך זיכער אייניקע גלייך געשטאָרבן, ניט קענענדיק איבערהאַלטן די שרעקלעכע צייט.

מיר זעען אַלזאָ, ווי גוואַלדיק שיטער עס וועלן נאָכן קריג זיין די קינדער־רייען. אין יענעם מאָמענט וועט זיך אפשר דער דאָזיקער פאַרלוסט ניט פילן אַזוי שטאַרק, ער וועט אָבער ווערן אָנזעעוודיק גאָר שטאַרק אין אַ 20—25 יאָר אַרום, ווען די דאָזיקע יאָרגענג וועלן דאַרפן ווערן די אַקטיווע באַזע, אויף וועלכער דאָס יידישע לעבן וועט זיך דאַרפן שטיצן.

עס ווערט דעריבער אַ נאַציאָנאַלע פליכט פון ערשטער מדרגה צו באַזאָרגן, אַז לכל־הפּחות אַט די שיטערע קינדער־מחנות זאָלן ניט אומקומען פיזיש און — וואָס איז פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט אַקוראַט אַזוי וויכטיק — ניט פאַרניכטעט ווערן מאָראַליש אין די נויט־ און הפקר־באַדינגונגען פון די נאָכמלחמה־יאָרן.

## ווער זאָל זאָרגן פֿאַר די ריזיקע מחנות
## הילף־באַדאַרפֿנדיקע יידישע קינדער?

דער ענטפֿער קען זיין נאָר איינער: די מלוכה! יידישע קינדער מוזן זיין פֿולשטענדיק גלייכבאַרעכטיקט מיט ניט־יידישע צו דער הילף, וואָס די מלוכה וועט באַשטימען פֿאַר קינדער.

וואָלטן מיר ניט געהאַט אַזאַ טרויעריקע דערפֿאַרונג נאָך דער לעצטער וועלט־מלחמה, ווען יידישע קינדער זיינען באַוווּלט געוואָרן (ניט נאָר דורך אַנטיסעמיטישע רעגירונגען, נאָר אַפֿילו דורך די הילף־אָרגאַניזאַציעס פֿון אויסלאַנד, אין דער ערשטער ריי פֿון אַמעריקע) — דאַן וואָלט מען אפשר ניט געדאַרפֿט גאָר דערמאָנען דעם דאָזיקן עלע־מענטאַרן אמת. ווארום יידישע קינדער זיינען באַרעכטיקט ניט נאָר צו אַ חלק, וואָס אַנטשפּרעכט זייער פּראָצענט צווישן אַלע קינדער פֿון לאַנד, נאָר צו פֿיל מער. אין קינדער־הילף, ווי אין הילף בכלל, טאָר ניט רעגירן אַ נאַציאָנאַלע פּראָצענט־נאָרמע. דאָ קען גילטן נאָר איין איינציקע נאָרמע — דער ריין־הומאַניטאַרער פּרינציפּ, אַז דער, וואָס נייטיקט זיך אַממערסטן, דאַרף דער ערשטער געהאָלפֿן ווערן. און ס'איז דאָך איבעריק צו באַווייזן, אַז אין אַט דעם „פּאַרמעסט" וועט זיך קיינער ניט קענען גלייכן מיט די יידישע קינדער.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דאָס פּראָבלעם ניט געשטאַ־נען אַזוי שאַרף, ווייל דער גרעסטער טייל פֿון דער הילפֿס־אַרבעט איז אַדורכגעפֿירט געוואָרן ניט דורך די מלוכות, נאָר דורך אויסלענדישע הילפֿס־אָרגאַניזאַציעס, אין דער ערשטער ריי דורך דער אַמעריקען רעליף אַדמיניסטריישן (איי־אַר־איי), די אַזוי גערופֿענע „הוווער־היקף". איצט אָבער איז ניט צו דערוואַרטן, אַז אַמעריקאַנער פּריוואַטליכע אָר־גאַניזאַציעס זאָלן קענען נעמען אויף זיך אַזאַ גיגאַנטישע אַרבעט. אויב נאָך יענער מלחמה האָט דער קינדער־קאָמיטעט פֿון דער איי־אַר־איי אויסגעגעבן $81,474,249, וועט מען דאָס מאָל דאַרפֿן אויסגעבן עטלעכע מאָל אַזוי פֿיל און די אַמעריקאַנער וועלן זיכער ניט זיין בכוח צונויפֿ־צוזאַמלען צווישן זיך אַזעלכע ריזיקע סומען. אוודאי וועלן אין דער הילפֿס־אַרבעט אין אייראָפּע שפּילן אַ דעצידירנדיקע ראָלע אַמעריקאַ־נער געלט, אַמעריקאַנער שפּייז און קליידער. אָבער זיי וועלן זיכער געגעבן ווערן פֿון דער אַמעריקאַנער רעגירונג דירעקט צו די מלוכה־אָרגאַנען; וועט אַלזאָ דער גורל פֿון די יידישע קינדער אָפּהענגיק זיין פֿון דער פּאָליטיק פֿון די רעגירונגען לגבי דער יידישער באַפעלקע־רונג.

די פראַגע פון יידישער קינדער־הילף ווערט אויף אַזאַ אופן אַן אויסגעשפּראָכן פּאָליטישע פראַגע. פאַר די לעצטע פינף און צוואַנציק יאָר איז זי אין אַ גרויסער מאָס געשטאַנען אויפן ראַנד פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. אוודאי האָבן די יידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און פּאַרטייען געהאַט אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו אַט דער אַרבעט און טייל פון זייערע טוער זיינען אין איר געווען אַקטיוו באַטייליקט. אָבער אַלס גאַנצע איז די דאָזיקע אַרבעט דער עיקר געטאָן געוואָרן דורך אַ גרופּע ספּעציעל פאַראינטערעסירטע מענטשן, אָפט — מענטשן מיט אַ ריין פילאַנטראָפּישן צוגאַנג.

דאָס דאַרף זיך מער ניט איבערחזרן. די פראַגע פון הילף פאַר די יידישע קינדער דאַרף אָוועקגעשטעלט ווערן אין צענטער פון די געזעלשאַפטלעכע פאַראינטערעסירונגען און דאַרף אַריינגעפלאָכטן ווערן אין דעם אַלגעמיינעם פּאָליטישן קאַמף פון די יידישע פאָלקסמאַסן פאַר זייער פולשטענדיקער גלייכבאַרעכטיקונג אין די נאָכמלחמהדיקע אייראָפּעאישע מלוכות.

דער גרויסער אַקצענט, וואָס דאַרף געלייגט ווערן אויף קריגן מלוכהשע הילף שליסט נאַטירלעך ניט אויס די נויטווענדיקייט, אַז עס זאָלן אַ חוץ דעם געזאַמלט ווערן גרויסע סומעס ספּעציעל אויף יידישער קינדער־הילף דורך די יידישע ישובים, וואָס האָבן וויניקער געליטן.

אָבער עס דאַרפן אויסגעמיטן ווערן אַ ריי פעלערן פון דעם לעצטן הילפס־פּעריאָד. לאָמיר קודם־כל באַטראַכטן די פראַגע פון „נאָן־סעקטאַריען־הילף", הילף פאַר די נויטבאַדערפטיקע פון אַלע גלויבנס גלייכצייטיק. מיט 20—25 יאָר צוריק האָט מען אויף דער יידישער גאַס געוואָלט זיין פרומער פאַר אַלע: גריכן האָבן געמעגט זאַמלען אין אַמעריקע געלט פאַר גריכנלאַנד, אַמעריקאַנער דייטשן האָבן געקענט שיקן צענדליקער מיליאָנען דירעקט פאַר די נויטבאַדערפטיקע אין דייטשלאַנד, אָבער אַז עס זאָלן געשיקט ווערן פאָנדן ספּעציעל פאַר די יידישע הונגעריקע — דאָס האָט שוין אויסגעזען צו זיין צו פיל. ווו מען האָט נאָר געקענט, האָט מען זיך פאַראייניקט אויף אַ נאָן־סעקטאַריען־הילף. פּראַקטיש האָט עס אָבער געמיינט, אַז הגם יידן אַלס אַמעריקאַנער בירגער האָבן צוגעשטייערט זייער חלק צו די אַלגעמיינע אַמעריקאַנער הילפס־זאַמלונגען, צו דער איי־אַר־איי אָדער צום רויטן קרייץ, האָבן זיי געדאַרפט ביישטייערן נאָכאַמאָל גרויסע, מיליאָניקע סומעס פאַר דער אַרבעט, וואָס די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס האָבן געפירט אין לענדער מיט גרויסע יידישע ישובים, ווי פּוילן און רוסלאַנד. און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז אין פּוילן למשל, ווו די באַשפּייזונגס־אַרבעט

פון פויליש־אַמעריקאַנישן קינדערהילף־קאָמיטעט איז געפּירט געוואָרן כמעט אויסשליסלעך אין שטעט און שטעטלעך, אין וועלכע די יידן האָבן באַטראָפן לכל־הפחות 30% פון דער באַפעלקערונג. האָט די צאָל באַשפּייזטע יידישע קינדער באַטראָפן קוים 13%, ניט געקוקט דערויף, וואָס אַמעריקאַנער יידן האָבן צו דער דאָזיקער הילפס־אַרבעט בייגע־שטייערט אויף אַ טאָפּלטן וועג.

נאָך אומגערעכטער איז געווען דער אָפּמאַך אין אוקראַינע, ווו עס זיינען דורך דער איי־אַר־איי באַשפּייזט געוואָרן 60% קריסטן און 40% יידן, אָבער דער דזשאָינט האָט געדאַרפט דעקן 50% פון די הוצאות. עס קומט אַלזאָ אויס, אַז די איי־אַר־איי האָט אין אוקראַינע ניט אויס־געגעבן קיין סענט פאַר יידישע הונגעריקע קינדער. דער דזשאָינט דאָקעגן, וואָס האָט אַליין אינגאַנצן אויסגעהאַלטן 400,000 יידישע קינדער, האָט נאָך אַחוץ דעם געדאַרפט באַשפּייזן 100,000 קריסטלעכע קינדער.

אַזאַ צוגאַנג מצד דער איי־אַר־איי שטייט אין שאַרפסטן ווידער־שפּרוך צו די פּרינציפּן פון הומאַניטאַריזם. עס איז ניט נייטיק צו באַ־ווייזן, אַז די לאַגע פון די יידישע קינדער אין אוקראַינע, באַזונדערס פון די הונדערטער טויזנטער יתומים, פּאָגראָם־קרבנות און וואַגלער־קינדער, איז געווען אַ גענוג שלעכטע, אַז זיי זאָלן „פאַרדינען" אַמערי־קאַנער הילף. ס'איז גענוג צו לייענען, ווי אַזוי עס שילדערט די לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אוקראַינע דער דעלעגאַט פון דער נאַנסען־מיסיע.* פונדעסטוועגן האָט די איי־אַר־איי בשום אופן ניט געוואָלט אָפּטרעטן פון איר שטאַנדפּונקט.

די יידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס ווען אין דער צו־קונפט דאַרפן מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונגען, כדי עס זאָל זיך ניט איבערחזרן די שלעכטע פּראַקטיק. עס מוז אויסגעקעמפט ווערן אָנער־קענונג פאַר דעם איינציק ריכטיקן פּרינציפּ, אַז די אַלגעמיינע אָרגאַ־ניזאַציעס, צו וועלכע יידן טראָגן צו גלייך מיט אַלע אַנדערע בירגער, זאָלן זיין באמת „נאָן־סעקטאַריען". אויב אָבער יידן, פּונקט ווי מיט־גלידער פון אַנדערע נאַציאָנאַלע גרופּן, ווילן זיך נאָכדעם נאָכאַמאָל באַשטייערן אויף צו לינדערן די ספּעציעל גרויסע נויט אויף דער יידישער גאַס, דאַן איז עס מער ווי אין אָרדענונג.

---

* דער דאָזיקער דעלעגאַט איז געווען ניט קיין אַנדערער, ווי נאַנסענס לאַנדס־מאַן, דער טרויעריק באַרימטערווידקון קוויסלינג. היינט זעצט קוויסלינג אַריין נאַנסענס זון אין תפיסה...

## דער כאַראַקטער פון דער הילף

אַ צווייטע פראַגע איז: וואָס פאַר אַ כאַראַקטער זאָל טראָגן די הילף?

אין די דיסקוסיעס מיט 20 יאָר צוריק האָט מען זיך שטאַרק געאַמפּערט אַרום דעם, צי זאָל די הילף זיין אַ קאָנסטרוקטיווע, ד״ה עס זאָלן געבויט ווערן דויערהאַפטע אַנשטאַלטן, אָדער צי זאָל זי טראָגן דעם כאַראַקטער פון „עמוירדזשענסי־רעליף״, פון אַ דרינגענדער רעטונגס־אַרבעט, אויסגערעכנט אויף דער סאַמע נאָענטסטער צייט.

די דערפאַרונג האָט באַוויזן, אַז אין אַ קאַטאַסטראָפאַלער סיטואַציע איז קיין שום אָרגאַניזאַציע, אַ פּריוואַטע אָדער מלוכהשע, ניט אים־שטאַנד אויפצובויען אַזאַ גרויסע נעץ פון אינסטיטוציעס, וואָס זאָל אַרומנעמען אויב ניט אַלע, איז כאָטש דעם גרעסטן טייל פון די הילף־לאָזע קינדער. אַפילו אין רוסלאַנד, ווו מען האָט אַממערסטן ענערגיע געווידמעט אויף בויען אַנשטאַלטן, האָט מען אין זיי באַוויזן אַריינצונע־מען קוים 9% פון אַלע וואַגלער־קינדער, וואָס האָבן זיך דאַן געפונען אין לאַנד. ווען אין די אַנשטאַלטן האָבן זיך געפונען 540 טויזנט קינדער, איז דאָס נאַטירלעך געווען אַ קאָלאָסאַלע דערגרייכונג, אָבער אין לאַנד זיינען דאַן (אין פרילינג 1922) געווען גאַנצע 8 אָדער 9 מיליאָן אַזעלכע היימלאָזע בעטלער־קינדער!

דאָס איינציקע, וואָס האָט דאַן אויפגעהאַלטן די קינדער ביים לעבן, איז געווען די „עמוירדזשענסי־הילף״ פון הווווערן, פון דער נאַנסען־מיסיע און פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. בלויז איי־אַר־איי האָט דאַן געהאַט אין רוסלאַנד 28,483 קינדער־קיכן, פון וועלכע ס׳האָבן געגעסן איבער 4 מיליאָן קינדער און אין אוקראַינע האָט נאָך אַ מיליאָן קינדער געקראָגן ביי זיי עסן. נאָר מיט די דאָזיקע הווער־מיטאָגען האָבן די רוסישע קינדער איבערגעהאַלטן די הונגער־יאָרן און ערשט ווען דער הונגער איז אַריבער, האָט מען געקענט טראַכטן וועגן דערפאָלגרייכער קאָנסטרוקטיווער אַרבעט.

ווען מיר טראַכטן וועגן דעם חורבן אויף דער יידישער גאַס מוזן מיר ליידער כסדר האָבן פאַר זיך ניט אַ פאַרגלייך מיט פוילן אָדער רומעניע אין 1918 אָדער 1919, נאָר די גרוילבילדער פון רוסישן הונ־גער פון 1921־1922. די ווירקונגען פון דער מלחמה־סטראַטעגיע פון „פאַרברענטער ערד״, וואָס ווערט איצט אָנגעווענדט אויף די פעלדער פון אוקראַינע, וועלן זיכער ניט אָפּשטיין פון די ווירקונגען פון דער טריקעניש אויף די וואָלגע־פעלדער מיט 20 יאָר צוריק.

מיר מוזן זיך דעריבער ריכטן אויף אַ גוואַלדיק גרויסער צאָל היימלאָזע קינדער. אַוודאי, די פאַרשפּאַרטקייט אין די געטאָס ווירקט איצט ווי אַ געוויסע מניעה פאַר דער פולער פאַרוואָרלאָזונג פון די קינ־דער. אָבער שוין איצט שאַצט מען אין וואַרשעווער געטאָ די צאָל בעטלער־קינדער אויף 10 טויזנט. זייער צאָל וועט נאָך זיכער וואַקסן אין לויף פון קריג. און ווען די געטאָ־ווענט וועלן פאַלן, איז פאַראַן אַ געפאַר, אַז די דאָזיקע קינדער זאָלן זיך פאַרשפּרייטן איבערן לאַנד ווי אַ גוואַלדיקע, הונגעריקע היישעריק־מחנה. נאָך דעם רוסישן הונגער האָט די צאָל יידישע וואַגלער־קינדער אין אוקראַינע באַטראָפן ביי 100 טויזנט. מיר דאַרפן זען פאַר אונדזערע אויגן אַ פיל הונדערט טויזנט קעפּיקע מחנה פון אָפּגעריסענע, היימלאָזע יידישע קינדער, און דאַן וועלן מיר באַגרייפן די גוואַלדיקייט פון פּראָבלעם, וואָס דערוואַרט אונדז. אַ גיכע הילף קען נאָך אָפּראַטעווען גרויסע מאַסן קינדער פון פולשטענדיקער פאַרווילדונג; אַ פאַרשפּעטיקטע הילף וועט שוין ניט זיין אימשטאַנד צו פאַרריכטן דאָס בייז, און דאָס פּראָבלעם פון די פאַר־וואָרלאָזטע וועט פאַרבלייבן אַן אייטערדיקע ווונד אויפן אָרגאַניזם פון יידישן פאָלק פאַרן גאַנצן נאָענטסטן דור.

ניט ווייניקער דרינגנד וועט זיין דאָס פּראָבלעם פון די יתומים. אין די יאָרן 1922—1925 האָט דער קינדער־דעפּאַרטמענט ביים דזשאָינט, וועמענס אַרבעט ס׳האָט זיך כמעט אינגאַנצן באַגרענעצט צו יתומים־פאַרזאָרגונג, אויסגעגעבן די סומע פון $2,072,393 און אין די ווייטערדיקע 4 יאָר — נאָך $1,367,459, אויסער איבער 2 מיליאָן, וואָס זיינען פון אַ באַזונדער פאָנד אויסגעגעבן געוואָרן בלויז אין פּאַלעסטינע.

נאָך דער איצטיקער מלחמה וועט מען דאַרפן האָבן פיל גרעסערע סומעס: ערשטנס, וועט די צאָל יידישע יתומים זיין פיל גרעסער; צווייטנס, האָט דאַן דער דזשאָינט געדעקט בלויז 50% און שפּעטער בלויז 30% פון די בודזשעטן פון די אָרטיקע געזעלשאַפטן פאַר יתומים־פאַרזאָר־גונג. עס איז ניט צו דערוואַרטן, אַז די יידישע געזעלשאַפט אין פּוילן אָדער רוסלאַנד זאָל זיין מסוגל ביי זיך גופא צונויפצוזאַמלען אַזעלכע גרויסע סומען; דריטנס, האָט די יתומים־הילף בלויז אין איין דריטל פאַלן באַדייט דאָס אַריינגעמען די קינדער אין אַ יתומים־היים. גע־וויינלעך איז גענוג געווען צו געבן אַ געוויסע מאַנאַטלעכע שטיצע די קרובים, ביי וועלכע דער יתום האָט זיך אויפגעהאַלטן. איצט אָבער וועט די גרויסע מערהייט קרובים זיין אַזוי רואינירט, אַז ביי זייער בעסטן ווילן וועלן זיי ניט קענען אויסהאַלטן ביי זיך דעם יתום. מען

װעט דאַרפֿן שאַפֿן פֿאַר די יתומים אינטערנאַטן און דאָס איז פֿאַרבונדן מיט פֿיל גרעסערע קאָסטן.

איין פֿראַגע פֿון גאַנצן קנויל פּראָבלעמען פֿון יתומים־פֿאַרזאָרגונג דאַרף באַזונדערס אונטערגעשטראָכן ווערן. פֿון דער יתומים־אַרמיי האָט מען אין גרעסטן טייל לענדער אויסגעטיילט אין פּריווילעגירטע גרופּע — די מלחמה־יתומים, וועמענס טאַטעס זיינען געפֿאַלן אויפֿן שלאַכטפֿעלד. פֿאַר זיי האָט די מלוכה באַשטימט מאַנאַטלעכע רענטעס.

מסתמא וועט מען אויך נאָך דעם איצטיקן קריג באַזונדערס אויס־טיילן די דאָזיקע קאַטעגאָריע יתומים. עס מוז דעריבער געזאָרגט ווערן, אַז יידישע יתומים זאָלן דערביי ניט באַעוולט ווערן. די טשע־כישע גלות־רעגירונג האָט אָנגענומען דעם ריכטיקן פּרינציפּ, אַז אין דער פֿרייער טשעכאָסלאָוואַקיע דאַרפֿן געליטענע אין קאַמף אויפֿן „אינערלעכן פֿראָנט" פּונקט אַזוי פֿאַרזאָרגט ווערן, ווי געליטענע אין מיליטערישן קאַמף. אָט דער צוגאַנג מוז אָנגעווענדט ווערן אין אַלע לענדער: אַלע געפֿאַלענע פֿון דער האַנט פֿון שונא זיינען גלייך — צי זיי זיינען געפֿאַלן אויפֿן שלאַכטפֿעלד, צי זיי זיינען אומגעקומען אויף אַ תליה, אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אָדער בעת אַ מאַסן־שחיטה אין אַן איינגענומענער שטאָט. קרבנות פֿון היטלערישער אַכזריות און אויסראָטונגס־פּאָליטיק אין די געטאָס מוזן אָוועקגעשטעלט ווערן אין איין ריי מיט קרבנות אויפֿן פֿראָנט. זייערע יתומים זיינען דעריבער פּונקט אַזוי באַרעכטיקט צו אַ כסדרדיקער מלוכהשער אונטערשטי־צונג.

דאָס איז אַ וויכטיקער פּרינציפּ, פֿאַר וועלכן עס דאַרף שוין איצט געפֿירט ווערן אַן אינטענסיווע פּאָליטישע קאַמפּאַניע.

ווען די געזעלשאַפֿט וועט מוזן איבערנעמען די דערציאונג פֿון צענדליקער, אויב ניט הונדערטער טויזנטער יידישע קינדער, דאַן וועט שוין במילא אויף איר פֿאַלן די פֿליכט פֿון אויסלערנען די דאָזיקע קינדער אַ פֿאַך און באַזאָרגן זיי מיט אַרבעטס־מעגלעכקייטן.

די פֿראַגע פֿון פֿאַך־בילדונג איז זייער אַ קאָמפּליצירטע. דאָ דאַרפֿן נאָר אָנגעמערקט ווערן די וויכטיקסטע פּרינציפּן:

א) אַרבעט איז דער בעסטער פּרעווענטיווער מיטל קעגן דער דראָענדער געפֿאַר פֿון פֿאַרוואָרלאָזונג.

ב) דאָס אָפּגעבן שוין האַלב פֿאַרווילדעטע קינדער „אויף דער לער" צו פּריוואַטע האַנטווערקער טראָגט אָבער — ביי דער אַלגע־מיינער געזעלשאַפֿטלעכער און מאָראַלישער צערודערונג, וואָס וועט

זיכער קומען נאָך דער מלחמה — די געפאַר, אַז די קינדער זאָלן ביי אומפאַראַנטוואָרטלעכע משגיחים ניט קריגן די געהעריקע דערציאונג און זאָלן נאָך מער פאַרוואָרלאָזט ווערן. אַ געהעריקער סיסטעם פון אינספעקציע („פאַטראָנאַטן") קען אין אַ געוויסער מאָס אַנטקעגנווירקן דעם בייז.

ג) ניט געקוקט אויף די געוויסע חסרונות, וועלכע ס׳האָבן פאַרשולדן אַלס וועג אויסצולערנען אַ מלאָכה, איז עס פון דעסטוועגן דער סאַמע בעסטער און מאָדערנסטער וועג. עס דאַרף דעריבער געטאָן ווערן אַלץ, כדי ס׳זאָל אויפגעבויט ווערן וואָס אַ געדיכטערע נעץ פאַרשולן פאַר יידישע קינדער.

צום סאַמע סוף איז וויכטיק זיך אָפּצושטעלן אויף נאָך איין גרויסער נאַציאָנאַלער געפאַר, וואָס דראָט אונדז צוליב דער פאַרשטייענדיקער פאַרוואָרלאָזונג פון אַזעלכע גרויסע מאַסן קינדער. דאָס זיינען די פסיכישע עפעקטן.

די פסיכיאַטרען באַרואיקן אונז: די פראַקטיק באַווייזט, אַז קינדער טראָגן גאַר לייכטער אַריבער קאַטאַסטראָפעס, ווי דערוואַקסענע. קינדער פאַרהאַלטן זיך פיל רואיקער בעת באָמבאַרדירונגען, ווי דערוואַקסענע. היסטעריעס, נערוון־צוזאַמענברוכן און פסיכישע קרענק אַלס דירעקטער רעזולטאַט פון אַזעלכע גרויל־איבערלעבונגען זיינען ביי קינדער פיל זעלטענער, ווי ביי די גרויסע. און די קינדער קערן זיך שנעלער אום צום נאָרמאַלן לעבן, ווי די דערוואַקסענע.

אָבער דאָס זיינען נאָר גאַנץ אויבנאויפיקע אָבסערוואַציעס וועגן דירעקטן איינפלוס פון קריג אויף די קינדער. עס איז נישטאָ קיין ספק, אַז אויסער די דאָזיקע אויסערלעכע עפעקטן איז נאָך פאַראַן אַ טיפערע אויסווירקונג. די גרויל־געשעענישן פון קריג קענען זיך אפשר ניט אָנזען אויף צו מאָרגנס נאָך דער איבערלעבונג, זיי עקזיסטירן אָבער און ווירקן אין די טיפענישן פון דער קינדערשער נשמה. דאָס זיינען די סיבות, וואָס — לויט די פעסטשטעלונגען פון דער מאָדערנער פסיכאָלאָגיע — פאַרקריפּלען די ווייטערדיקע נאָרמאַלע אַנטוויקלונג פון אינדיווידואום, זיינען גורם די שפּעטערדיקע פסיכישע קרענקלעכקייטן און נעוורויזן. פסיכאָלאָגישע אויספאָרשונגען וועלן זיכער פעסטשטעלן, ווי גרויס ס׳איז די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די איבערלעבונגען פון 1914—1918 און שפּעטער פאַרן אויפוואַקסן פון דעם בלי־שום־ספק נעוורויטישן דור פון היטלעריסטישער יוגנט.

אונדזער יידישער יונגער דור וועט אַרויס פון דער איצטיקער מלחמה מיט אַ באַזונדערס שווערער פסיכישער באַלאַסטונג. אויסער

די געוויינלעכע קריגס־צרות — הונגער, ווינונגס־נויט, עפּידעמיעס, נע ונד־צושטאַנד — קומען נאָך צו די טיפע עפעקטן פון די נאַציאָ־נאַלע איבערלעבונגען, די פאָלגן פון דער אומברחמנותדיקער יידן־פאַר־פאָלגונג, די פאָגראָמען, די עקזעקוציעס, אד״גל.

עס דראָט אונדז די גרויסע נאַציאָנאַלע געפאַר, אַז דער גאַנצער נייער דור זאָל צוליב דעם אויסוואַקסן אַ פּסיכיש־קרענקלעכער, אַז די ווונדן אין גייסט זאָלן בלייבן ניט פאַרהיילטע. דאָס וואָלט געווען דער גרעסטער אומגליק פאַרן פאָלק אַלס גאַנצן: אַזאַ גייסטיק באַשעדיקטער דור וואָלט ניט געקענט נעמען אויף זיך די גיגאַנטישע אַרבעט, וואָס וואַרט אויף אים: צוריק אויפצובויען דאָס חרובע יידישע לעבן.

אַ ברייט פאַרמאָסטענע קינדערהילף, וואָס זאָל אַרומנעמען דעם רוב פון די הילף־באַדאַרפנדיקע קינדער און וואָס זאָל זיי צוריק געבן נאָרמאַלע לעבנס־באַדינגונגען, קען נאָך אין אַ גאַר באַדייטנדער מאָס אַנטקעגנווירקען דעם דאָזיקן בייז. זי קען פאַרהיטן הונדערטער טויזנ־טער יונגע מענטשן פון פיזישער און גייסטיקער צעשטערונג און אָפּ־ראַטעווען זיי פאַר דער גרויסער געזעלשאַפטלעכער שליחות פון רעס־טאַווירן דאָס יידישע נאַציאָנאַלע מאַסן־לעבן.

ד"ר מ. ווײַנרײַך

# אַ יידישע נאַציאָנאַלע פּראָגראַם אויף נאָך דער מלחמה *

## I. יסודות

איך וויל אָנהייבן מיט עטלעכע באַוואָרענישן פאַר אַן אַרײַנפיר.

1) מיר גייט ניט אין מליצה, אין פאַרחידושן מיט שיינע ווערטער. איך וואָלט וועלן אַראָפּנעמען אַלע פליטערלעך פון די ענינים, וועגן וועלכע מיר ריידן, אַראָפּנעמען דעם גאַנצן באַפּוץ און צוקומען צום ביין פון די פּראָבלעמען.

2) מיר קענען זיך ניט באַפרייען אַזוי גרינג פון זאַכן וואָס מיר האָבן געוווּסט פריער און פון געדאַנקען, מיט וועלכע מיר טראָגן זיך אום אַ גאַנץ לעבן. צוריק גערעדט איז אויך ניט קיין ראַיה, אַז דאָס וואָס איז אַלט איז שוין ממילא פאַלש. לאָמיר פּרוּוון ווי ווייט מעגלעך אין איינעם דורכאַנאַליזירן איבער אַ נייס די פאַקטן און לאָמיר זיך איינקוקן צוזאַמען, וואָסערע פּראָגראַם־פּונקטן האַלטן אויס דעם עקזאַמען פון דער צייט און וואָסערע ניט.

3) דאָס וואָס איך קלייב זיך געבן דאָ איז אַ פּרוּוו אַרומצונעמען די אַזוי גערופענע יידישע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען; איך זאָג "אַזוי גערופענע", וואָרעם אין תוך זיינען דאָך אויך די עקאָנאָמישע פּראָבלעמען אונדזערע ניט "נייטראַל", נאָר שטאַרק נאַציאָנאַל באַפאַרבן. בכדי צוצוקומען צו די פּרטים — און דאָס וועט סוף־כל־סוף זיין נייטיק — וואָלט מען באַדאַרפט וועגן יעדער פּאַראַגראַף אַ באַזונדער רעפעראַט. דערווייל ברענג איך נאָר ראָשי־פּרקים, ווי מאַטעריאַל צום איבערטראַכטן.

4) דאָס וואָס איך קלייב זיך דאָ געבן איז ניט קיין צעטל פאָדערונגען צו דער שלום־קאָנפערענץ — עס איז נאָך צו פרי צו ריידן וועגן דעם. דעם אמת געזאָגט, ווען די שלום־קאָנפערענץ וואָלט פאַרגעקומען באַלד, וואָלט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר זיינען ניט צוגעגרייט צו איר. טאָ לאָמיר ניט צעטרענצלען די צייט וואָס איז אונדז געבליבן. מיר מוזן וויסן, וואָס מיר ווילן. און אַוודאי איז איצטער צו פרי צו שטעלן

---

* ביים צוגרייטן דעם רעפעראַט צום דרוק האָב איך אין עטלעכע ערטער צוגעגעבן הערות מיט פאַקטן וואָס זיינען צוגעקומען נאָך דעם ווי דער רעפעראַט איז געלייענט געוואָרן. — מ. וו.

די פראַגע: איין יידישע דעלעגאַציע צי עטלעכע יידישע דעלעגאַציעס. לאָמיר נאָר געדענקען, אַז די פראַגע פון רעפּרעזענטאַנץ איז פאַר אַלע צדדים אַ טאַקטישע פראַגע: אין ווערסאַל האָבן די ציוניסטן אויך גע־האַלטן, אַז די פאָדערונגען פאַר ארץ־ישראל דאַרפן פרעזענטירט ווערן פון אַ באַזונדער דעלעגאַציע. הייסט עס אויך פאַר די וואָסריידן צום אָפּטסטן וועגן אַחדות פאַר יעדן פּרייז איז די פראַגע וועגן אָרגאַניזירן די יידישע פאַרטרעטונג (אָדער פאַרטרעטונגען) נאָר אַ פראַגע פון צוועקמעסיקייט. איצט איז נאָך ניט די צייט צו ריידן וועגן טאַקטיק. איצט דאַרפן מיר קומען צו אַ באַשלוס, וואָסערע פאָדערונגען אַרויסצו־שטעלן.

צי איז שוין בכלל געקומען די צייט צו טראַכטן וועגן נאָך דער מלחמה? דערויף קען זיין נאָר איין ענטפער: קיין צו פרי איז ניטאָ. אַ סימן — די גרויסע צאָל אָרגאַניזאַציעס און רעגירונגס־אָפּיסן וואָס פאַרנעמען זיך מיט דעם שוין. מיר דאַרפן זען צו פאָרמולירן אונדזערע פאָדערונגען ביי צייטנס, כדי די פּראָגרעסיווע וועלט זאָל זיך צו זיי צו־געוווינען. אַוודאי וועלן אין יעטווידער סכעמע בלייבן אַ סך אומבאַ־קאַנטע גרייסן. מיר ווייסן ניט, וואָס פאַר אַ ראָלע רוסלאַנד וועט שפּילן ביים שלום. מיר ווייסן בכלל ניט, ווי אַזוי עס וועט אויסזען די קומענדיקע מאַפּע פון אייראָפּע. מיר ווייסן ניט, צי די עקאָנאָמישע סיסטעם פון דער נאָך־מלחמהדיקער וועלט וועט זיין אַ קאַפּיטאַליסטישע אָדער אַ סאָציאַליסטישע אָדער אַ קאָמבינאַציע פון ביידע. נאָר פון דעסט וועגן ווייסן מיר יאָ געוויסע פונדאַמענטאַלע פאַקטן וואָס זיינען שייך צו יידן, און עס איז גענוג צו שטעלן די פראַגעס, האָבן מיר שוין די תשובה. יידן אין די מיליאָנען וועלן זיין? יאָ. חיונה וועלן זיי דאַרפן? יאָ. באַדינגונגען פאַר אַ מענטשישער עקסיסטענץ וועלן זיי דאַרפן? יאָ. דער גרעסטער טייל יידן וועט בלייבן צווישן אַ מערהייט ניט־יידן? יאָ.

די פיר פונדאַמענטאַלע פאַקטן זיינען אַן אויסגאַנג־פּונקט פאַר אונדזערע ווייטערדיקע באַטראַכטונגען. יאָ, ווען היטלער זאָל חלילה זיגן — אָבער די מעגלעכקייט פון היטלערס אַ נצחון נעמען מיר בכלל ניט אַריין אין חשבון. מיר קענען פּשוט ניט טראַכטן וועגן דעם און אויסמאָלן זיך די רעזולטאַטן. דאָס הייסט ניט, אַז מיר וואָלטן זיך מיאש געווען אינעם יידישן קיום אַפילו ווען די טאָטאַליטאַרע מלוכות זאָלן חלילה באַקומען די אייבערהאַנט; דאָס יידישע פאָלק איז אייביק. אָבער צום גליק פאַרשפּאָרן מיר צו טראַכטן אויף דאָס ערגסטע. ניט געקוקט אויף אַלע דורכפאַלן און קלעפּ איז דאָך ביי אונדז פעסט היינט

אַזוי ווי נעכטן די זיכערקייט אין דער מיליטערישער מפּלה פון דער אַקס, איבערהויפּט זינט די פּאַראײניקטע שטאַטן זײַנען אַרײַן אין דער מלחמה.

צוזאַמען מיט דער זיכערקייט אין דער מיליטערישער מפּלה פון דער אַקס וואַקסט אויך די איבערצייגונג, אַז די וועלט טאָר זיך ניט אומקערן צום צושטאַנד פון 1939. נאָך איז אוממעגלעך אַרויסצוזען אַפילו די קאָנטורן פון דער קומענדיקער אָרדענונג, אָבער די עיקרדיקע פּרינציפּן הייבן זיך שוין אָן אַרויסצושיילן אין די דעקלאַראַציעס פון מאַסגיביקע אָרגאַניזאַציעס און יחידים, און קודם־כּל אין די אַרויסזאָגונגען פון פּרעזידענט רוזוועלט און זיינע נאָענטע און פון דער ענגלישער אַרבעטער־פּאַרטיי. די קומענדיקע אָרדענונג דאַרף זיין געבויט אויף פּערזענלעכער פרייהייט, אויף עקאָנאָמישער באַוואָרנטקייט און אויף יושר.

צי דאַרף מען זיך ריכטן, אַז מלוכות וועלן עקסיסטירן ווייטער? קיין שום ספק ניט. דערווייל האָט נאָך קיינער ניט אויסגעקלערט קיין בעסערן מיטל ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן פעלקער וואָס לעבן אויף געשלאָסענע טעריטאָריעס.

אין פּראָגרעסיווע קרייזן טרעפט מען אָפט אָן אויף אָן אומווילן קעגן די קליינע מלוכות: „פון זיי קומען אַלע צרות”. דאָס איז פאַלש. גרויסע לענדער (פראַנקרייך) און מיטעלע (פּוילן) זיינען געווען פּונקט אַזוי שוואַך בייצושטיין אַקעגן היטלערן ווי די קליינע. ענגלאַנד, און שפּעטער רוסלאַנד, האָבן געאַרבעט מיט „אַפּיזמענט” אַזוי לאַנג ווי זיי האָבן געקענט. טייל קליינע מלוכות (גריכנלאַנד, יוגאָסלאַוויע, נאָרוועגיע) קעמפן קעגן היטלערן פעסטער און גבורהדיקער ווי אַנדערע גרויסע. עס איז אַ ליגן וואָס וואַקסט פון היטלערן, אַז די טעריטאָריאַלע סיסטעם פון ווערסאַל האָט געבראַכט צו דער צווייטער וועלט־מלחמה. געגרייט צו אַ מלחמה האָבן זיך אין איראָפּע דווקא צוויי גרויסע מלוכות, דייטשלאַנד און רוסלאַנד, און צו ביסלעך פּוילן, וואָס זי איז געווען איינגעקלעמט צווישן זיי. (איך לאָז זיך דאָ ניט אַריין אין די מאָטיוון פון די מלוכות און אין דער פראַגע, צי עמעצנס מלחמה־צוגרייטונגען זיינען געווען באַרעכטיקט, און אין וואָסער מאָס; איך האָב דאָ אין זינען נאָר די טעכניש־מיליטערישע זייט פון דעם ענין.) געבראַכט צו דער קאַטאַסטראָפע האָט בעצם די ריוואַליטעט פון צוויי גרויסע מלוכות, ענגלאַנד און פראַנקרייך, וואָס האָבן זיך ניט געקענט צעטיילן מיט דער ירושה נאָך יענער וועלט־מלחמה. געבראָכן געוואָרן איז דער שלום דורך יאַפּאַן, איטאַ־

ליע און סוף־כל־סוף דורך דייטשלאַנד — אַלץ גרויסע מלוכות. סיידן מען זאָל זאָגן, אַז די עצם עקסיסטענץ פון קליינע, געזונטע שכנים (טשעכאָסלאָוואַקיי, די סקאַנדינאַווישע מלוכות, בעלגיע, האָ־לאַנד, לוקסעמבורג לעבן דייטשלאַנד; פינלאַנד, די באַלטישע מלוכות לעבן רוסלאַנד) האָט געררייצט די גרויסע און געהאַלטן זיי אין אַ צושטאַנד פון שפּאַנונג. נאָר דערצו איז קיין עצה ניטאָ. אַלע קליינע מלוכות אין אייראָפּע האָבן מער פּראָגרעסירט עקאָנאָמיש און קולטו־רעל צווישן די צוויי מלחמות איידער דאָס וואָלט געווען מעגלעך אונטער פאַרשקלאַפונג. דער וועלט־פּראָגרעס האָט ניט דערלייגט צו דער עקסיסטענץ פון די קליינע מלוכות. דאָס וואָס טייל פון זיי זיינען באַ־הערשט געוואָרן פון רעאַקציאָנערע כוחות איז דער רעזולטאַט ניט פון זייער עקסיסטענץ, נאָר פון דער ווילדער אומאָרדענונג אין דער גאַנ־צער וועלט און פונעם נצחון פון טאָטאַליזם אין עטלעכע גרויסע מלוכות.

דאָס יאָ: מלוכה־סוווערעניטעט טאָר ניט זיין קיין פעטיש, זי מעג באַגרענעצט ווערן לטובת די אינטערעסן פון אַ גרעסערן כלל. די מלוכה־אָרגאַניזאַציע דאַרף זיין אַ מיטל צו פאַרגרעסערן דאָס מענטש־לעכע גליק, ניט צו מינערן עס. עטנישע מינאָריטעטן דאַרפן באַקומען ניט נאָר אַ צוזאָג, נאָר אויך אַן עפעקטיווע באַוואָרעניש, אַז זייערע רעכט וועלן אָפּגעהיט ווערן. דער יחיד דאַרף באַקומען אַזוי פיל פרייהייט, וויפל עס לאָזט זיך נאָר אויסשטימען מיט די רעכט פון אַ צווייטן. אויב אין וואָס עס איז קען אַמעריקע העלפן אויפריכטן די וועלט, איז אין באַווירקן זי מיט דעם וווּנדערלעכן פּרינציפּ, אַז די מלוכה איז צוליב דעם בירגער, ניט דער בירגער צוליב דער מלוכה.

מער ווי ווער עס איז זיינען מיר יידן פאַראינטערעסירט אין דעם, אַז וואָס אַ גרעסערער טייל פון די פּראָגרעסיווע פּרינציפּן זאָל דורכגע־פירט ווערן אין לעבן. דאָס יידישע פאָלק האָט לאַנג געליטן פון פיזישע רדיפות, פון עקאָנאָמישע דיסקרימינאַציעס, פון פּרווון צו דערנידע־ריקן עס. פון זינט דער היטלעריזם איז אויפגעקומען און האָט זיך צעלייגט, האָט דער רייסטער פון יידישער פּיין נאָך אפשר אַריבערגע־שטיגן די מאַרטיראָלאָגיע פון פאַרגאַנגענע צייטן. מיר בויען אויף דער זיכערקייט, אַז ווען די וועלט וועט אויסגעלייזט ווערן פונעם איצ־טיקן גיהנום, וועלן אָנשטיין בעסערע צייטן אויך פאַרן יידישן פאָלק. איך זאָג ניט, אַז מיר קענען זיך פאַרלאָזן אויפן „סטיכישן פּראָצעס", אַז אויב אַלעמען וועט זיין בעסער, וועט אונדז ממילא אויך זיין גוט. ניין, מיר דאַרפן קומען מיט אַ פאָרמולירטער פּראָגראַם, און אויב מיר

וועלן זי ניט פאַרמולירן, וועט דאָס קיינער פון אונדזערט וועגן ניט טאָן. אָבער מיר מעגן זיך ריכטן, אַז מיר וועלן נאָך דער מלחמה ריידן צו מענטשן וואָס וועלן האָבן די כוונה אונדז אַנטקעגנצוקומען און וואָס וועלן פאַרשטיין וואָס מיר ריידן, אויב מיר וועלן זיין בכוח איבערצו־געבן אונדזערע פאָדערונגען אין פאַרשטענדלאַכע טערמינען. מיר דאַרפן צוגרייטן אַ פּראָגראַם וואָס זאָל מאַכן מעגלעך, אַז יידן ווי יחידים און יידן ווי אַ קיבוץ זאָלן זיך אויך קענען פריי אַנטוויקלען אין דער קומענדיקער אָרגאַניזאַציע פון דער פעלקער־משפּחה.

## II. אַלגעמיינע פאָדערונגען

דאָס יידישע פאָלק, הגם ניט קיין פאָרמעלער קאָמבאַטאַנט אויף די שלאַכטפעלדער, איז געטראָפן געוואָרן פון דער מלחמה געוויס ניט ווינציקער ווי וועלכער עס איז אַנדער טייל באַפעלקערונג אין די קריג־פאַרגאָסענע לענדער. פון די קנאַפּע צען מיליאָן יידן וואָס אייראָפּע האָט פאַרמאָגט אין 1939 זיינען צום אָנהייב 1942 געבליבן פריי פון היטלעריזם מערניט ווי די יידן פון ענגלאַנד, שווייץ, שוועדן, שפּאַניע, פּאָרטוגאַל. אַפילו ווען מיר וועלן שוין די טערקישע יידן אויך מצרף זיין צו די אייראָפּעאישע, איז דאָס אויך ניט מער ווי אַ האַלבער מיליאָן ניט־פאַרשקלאַפטע. געטראָפן זיינען אויך, דורך מלחמה־אָפּעראַציעס ממש אָדער דורך אַנטי־יידישע געזעצן, די יידן אין מאַראָקאָ, אין אַלזשיר און טוניס און אין ליביע — 400,000 מאַן. און אַזוי ווי ארץ־ישראל איז אויך אַ טייל פונעם פראָנט, ווייזט דער חשבון, אַז העכער צען מיליאָן יידן זיינען דירעקט אָנגערירט פון דער מלחמה.

אָבער די צאָלן אַליין זאָגן נאָך ניט אַלץ. מען טאָר ניט גלייכן אונדזער לאַגע צו דער לאַגע פון אַ האָלאַנד אַ שטייגער, ווו דאָס אומ־גליק האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער אינוואַזיע. חורבן צו חורבן איז ניט גלייך. די סיטואַציע פונעם ווייט גרעסטן טייל פון די 10 מיליאָן יידן איז ביזן אויסבראָך פון דער מלחמה אויך געווען ווייט פון נאָרמאַל. אין דייטשלאַנד האָט זיך די אַרויסשטופּ־פּאָליטיק קעגן יידן און די עקספּראָפּריאַציע פונעם יידישן אייגנס אָנגעהויבן נאָך אין 1933. עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיי, דאַנציק זיינען שוין אויך געווען היטלערי־זירט נאָך איידער די איצטיקע מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן.

אָבער אַפילו דאָס איז נאָך ניט דאָס פולע בילד. בכדי צו פאַר־שטיין דעם גאַנצן בראָך פון אייראָפּעאישן יידנטום דאַרף מען האָבן

אין זינען, אַז אין פּוילן, רומעניע, אונגאַרן, לעטלאַנד, ליטע — ווו מער און ווו ווינציקער — האָבן יידן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות געהאַט אויסצושטיין אונטערן שלייער פון פּאַפּירענער גלייך־באַרעכטיקונג אַ שווערן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן דרוק. דער דרוק איז געווען נאָך ווייטיקדיקער איבער דער ספּעציפישער יידישער עקאָנאָמישער סטרוקטור וואָס איז געבליבן בירושה פון די פאַרקאַפּיטאַליסטישע לעבנס־פאָרמען און פון דער אַבסאָלוטיסטישער אונטערדריקונג. איבערהויפּט איז דאָס שייך צו פּוילן און רומעניע; ווען היטלער איז געוואָרן בעל־הבית אין פּוילן און רומעניע האָט ער שוין געפונען אַ גרויסן טייל אַרבעט אָפּגעטאָן. דאָס מוז מען ספּעציעל אונטערשטרייכן איצטער, ווען סטראָנסקיס פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטעריום און טילעאַס מישטיינס געזאָגט „פרייע רומענער" ווילן אַרויפוואַרפן אַלצדינג אויף היטלערן. די נאַציס האָבן נאָר געגומען פאַרענדיקן די אַרבעט מיט אַן אויסגע־האַלטנקייט וואָס ווייס ניט פון קיין שטער. אויף אַלע פאַרכאַפּטע טעריטאָריעס, אַריינגערעכנט די פאַרנומענע ביים סאָוועטן־פאַרבאַנד, זיינען יידן אַרויסגעריסן געוואָרן פון די רעשטלעך נאָרמאַלן לעבן, וואָס האָבן נאָך געקענט געמאָלט זיין, און אַריינגעפּרעסט געוואָרן אין געטאָס. די נאַציס האָבן אָפן פּראָקלאַמירט זייער ציל: פיזישע אויסראָטונג פון יידישן פאָלק. דאָס וואָס דער פּלאַן וועט זיך זיי ניט איינגעבן איז געוויס ניט זייער שולד.

1. ס'איז דעריבער קלאָר, אַז אויפצוריכטן די פיזישע און מאַטעריעלע חורבנות פון דער מלחמה וועלן ניט קלעקן די אָנשטרענגונגען פון די פּריוואַטע יידישע העלף־אָרגאַניזאַציעס. אויך דאַרף מען וואָרענען קעגן דעם געפערלעכן קוק, אַז אויב מען וועט זיך נעמען אויפבויען פּוילן, ליטע, רומעניע אאַז"וו אויף די יסודות פון דעמאָקראַטיע, וועלן שוין אויטאָמאַטיש אויפגעריכט ווערן יידן אויך. די פאַרמלחמהדיקע עקאָנאָמיש־סאָציאַלע סטרוקטור פון יידן איז געווען אַזוי ספּעציפיש, די פאַראורטיילן און געוווינטשאַפטן אַנטקעגן יידן אַזוי איינגעוואָרצלט, די דיסלאָקאַציע וואָס יידן האָבן דורכגעמאַכט אויף אַזוי פיל גרעסער ווי ביי אַנדערע, אַז עס וועלן זיך פאָדערן אינטערנאַציאָנאַלע רעגולירונגען און אַ כסדרדיקע מיטהילף פון די אַלגעמיינע אָרגאַנען וואָס וועלן אַוועקגעזעצט ווערן פאַר אויפבויען די חורבנות פון דער וועלט.

מיר טאָרן ניט לאָזן אַוועקשטעלן די זאַך אַזוי, אַז „יידן זיינען רייך", „ביי יידן איז אחדות", „יידן וועלן זיך שוין אַן עצה געבן", און די רעגירונגען וועלן יוצא זיין מיט געבן דעם „דזשאָינט" אַ גוטן קורס ביים בייטן דאָלאַרן. דאָס איז אַ האַרבער פּאָליטישער ענין. פון איין

זייט איז קלאָר, אַז יידישע הילף וועט דאַרפן מאָביליזירט ווערן ביז אַ מאַקסימום. פון דער צווייטער זייט אָבער טאָר דאָס ניט באַפרייען קיין שום רעגירונג פון אירע אַלגעמיינע התחייבותן לגבי יידן; וואָרעם יידן איז אויף אַזוי פיל ערגער, אַז אַפילו ווען מען וועט פון זייערט וועגן נוצן ביידע וועגן, וועלן זיי נאָך אויך ערשט הלוואַי האָבן דאָס אייגענע וואָס ניט־יידן. דערפון דרינגען אַרויס אַ ריי פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פאָדערונגען:

2. אויף וויפל עס וועט בכלל זיין אַ מעגלעכקייט נאָך דער איצטיקער מלחמה צו פאַרגיטיקן מאַטעריעלע היזקות פון פּריוואַטע פּערזאָנען, דאַרף באַוואָרנט ווערן, אַז אויך יידן־יחידים זאָלן דערפון געניסן אין דער פּראָפּאָרציע פון דעם וואָס זיי האָבן געליטן.

וועגן עקאָנאָמישן צוריק־אויפבוי דאַרפן ריידן ספּעציאַליסטן באַריכות. דעריבער לאָז איך דאָ אויס דעם ענין אין גאַנצן און ריר אים דאָ אָן נאָר אין דעם־קאָנטעקסט פון רעסטיטוציע. איינס אָבער דוכט מיר אויס צו זיין קלאָר: אַפילו ווען אין אייראָפּע וועט אין אַ גרויסער מאָס איינגעפירט ווערן פּלאַנירטעווירטשאַפט, וועט אויך דער גרעסטער טייל דאַרפן אָפּגעטאָן ווערן דורך דער־איניציאַטיוו און אַריינפּאַסעוודיקייט פונעם יחיד. דער כלל, פאַרטראָטן דורך אינסטיטוציעס, קען נאָר צוהעלפן, אינטערוועגירן, אינסטרואירן. צום גליק ווייזט אונדז דאָס לעבן אין די געטאָס, אַז יידישע רירעוודיקייט און בייגעוודיקייט איז ניט אויסגעדאַרט געוואָרן; און דעריבער מעגן מיר זאָגן, אַז די אַרבעט פון כללישע אינסטיטוציעס איז נייטיק און מיר מעגן זיין זיכער, אַז זי וועט געבן גרויסע רעזולטאַטן.

3. יידישע קהילות, קאָנגרעגאַציעס, קולטור־אינסטיטוציעס, אָרגאַניזאַציעס אאַז״וו, וואָס האָבן געליטן פון דער אַנטי־יידישער פּאָליטיק אָדער פון מלחמה־אָפּעראַציעס, דאַרפן באַקומען פאַרגיטיקונג באַגלייך מיט אַלע אַנדערע אינסטיטוציעס פון אַן ענלעכן כאַראַקטער.

מיר דאַרפן אויך געדענקען וועגן בירגערשאַפט.

4. קיינער דאַרף ניט ליידן פון דעם וואָס ער איז ניט קיין פאָרמעלער בירגער פונעם לאַנד, ווו ער וועט זיך געפינען צום סוף פון דער מלחמה. אין משך פון צען יאָר צייט נאָכן סוף פון דער מלחמה דאַרף יעדערער האָבן דאָס רעכט זיך אומצוקערן ווי אַ בירגער צו דעם אָרט, ווו ער האָט געוווינט ביים אויסבראָך פון דער מלחמה און צו ווערן דאָרטן אַ בירגער אַפילו אויב דאָס אָרט וועט ניט געהערן צו דער זעלביקער מלוכה וואָס פריער אָדער אויב די פריערדיקע אַדמיניסטראַטיווע פּראַקטיק האָט אים ניט געהאַט דערלאָזן צו ווערן דאָרטן אַ

בירגער אָדער צוגערויבט ביי אים זיין בירגערשאַפט. אין משך פון צען יאָר דאַרף יעדערער האָבן דאָס רעכט צו ווערן אַ בירגער פון דעם לאַנד, ווו ער וועט זיך געפינען צום סוף פון דער מלחמה.

די אינטערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכן וועגן דעם אַלעם דאַרפן פאָרמו־לירט ווערן אַזוי קלאָר, אַז עס זאָל ניט זיין קיין אָרט פאַר דריידלעך און פשטלעך, און עס דאַרף איינגעשטעלט ווערן אַן אינטערנאַציאָ־נאַלע מאַשינעריע וואָס זאָל אָפּהיטן די אינטערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכן. ווי געוואָרנט מען דאַרף זיין ווייזט די פּראַקטיק פון רומעניע נאָך 1878 און די פּראַקטיק מיט יידישער בירגערשאַפט אין פּוילן נאָך 1919.

5. אַן אינטערנאַציאָנאַלע רעגולירונג דאַרף גאַראַנטירן די פריי־הייט פון עמיגראַציע און אימיגראַציע אין אַלע לענדער.

6. אַנטי־יידישע געזעץ־געבונג אָדער פּראַקטיק און אַנטי־יידישע פּראָפּאַגאַנדע דאַרפן דורך אַן אינטערנאַציאָנאַלער רעגולירונג דער־קלערט ווערן מחוצן געזעץ און געשטעלט ווערן אונטער שטראָף אויפן זעלביקן באַזיס ווי פרויען־האַנדל, פאַרקויף פון אָפּיום, עקספּלואַטאַציע פון קינדער וכו׳.

דאָס איז אַגב אַן ענין וואָס דאַרף ניט אָפּגעלייגט ווערן ביז נאָך דער מלחמה. אונדזער אויפקלער־אַרבעט דאַרף אויפדעקן די ענגע פאַרקניפּונג צווישן אַנטיסעמיטיזם און היטלעריזם און פאָדערן, אַז נאָך איידער עס ענדיקט זיך די מלחמה זאָלן זיך די פאַראייניקטע נאַציעס, אַריינגערעכנט די גלות־רעגירונגען, בינדן אין דעם פּרט.

די אָקערשט פאָרמולירטע פּראָגראַם־פאָדערונגען דאַרפן אויסגע־אַרבעט ווערן מיט אַ סך מער פּרטים. עס איז קלאָר, אַז די עפעקטיווע דורכפירונג פון אינטערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכן איז זייער שטאַרק גע־וואָנדט אין דער פאַרהעלטעניש פון די כוחות אין יעטווידער לאַנד גופא. אָבער וועגן די געזעלשאַפטלעכע קאַמפן און אויסזיכטן פון קאַמף אין די לענדער גופא דאַרף מעןריידן באַזונדער, דאָ ריידן מיר וועגן דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַספּעקט פונעם ענין. די אינטערנאַציאָנאַלע גאַ־ראַנטיע, פונקט ווי אַ יורידישע גאַראַנטיע בכלל, איז ניט קיין פולע באַוואָרעניש; אָבער זי איז אַ באַזיס צו פירן ווייטער דעם פּאָליטישן קאַמף. וויכטיק איז צו געדענקען, אַז כדי עס זאָל ניט אָנגערירט ווערן די אַמביציעס פון די קלענערע, דאַרפן מיר שטרעבן צו אַן אינ־טערנאַציאָנאַלער רעגולירונג ממש, וואָס זאָל בינדן אַלע מלוכות; עס טאָר ניט זיין, ווי יענעם מאָל, אַן אָפּמאַך פון די גדולים מיט טייל „חשודע״ לענדער.

# III. דריי קאָמפּלעקסן יידישע פאָדערונגען

דאָס איז שוין אַ היפּש צעטל, אָבער עס איז ערשט אַן אָנהייב פון אַ יידישער פּראָגראַם. די פּראָבלעם פון יידישער איינאָרדענונג ווערט ניט פאַרענטפערט דורך מאַטעריעלער רעסטיטוציע און דורך אַריינלייגן אין חרם אַנטי־יידישע געזעץ־געבונג, אַנטי־יידישע אַדמיניסטראַטיווע פּראַקטיק און אַנטי־יידישע פּראָפּאַגאַנדע. אידעאַלע דעמאָקראַטיע וועט טאַקע באַוואָרענען פולע גלייך־באַרעכטיקונג פאַרן יידישן יחיד. אָבער איצטער פאַרשטייען שוין אַלע, אַז יידן זיינען ניט נאָר אַ סומע יחידים, נאָר אויך אַ כלל; דאַרפן דעריבער אויך באַשאַפן ווערן די געהעריקע באַדינגונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון יידן ווי אַ כלל. דאָס קען אַוודאי ניט איבערגעלאָזט ווערן צו יעדער מלוכה באַזונדער, דערויף פאָדערן זיך אַוודאי אינטערנאַציאָנאַלע רעגולירונגען.

אָבער ווי נאָר מען קומט צו צו די ענינים זעט מען, אַז פאַרשיידענע טיילן פון יידישן פאָלק שטייען פאַר פאַרשיידענע כלל־פּראָבלעמען. די צעשפּרייטונג פון יידן איבער דער וועלט אין משך פון צוויי טויזנט יאָר און די עיקרדיקע פאַרשיידנקייט אין זייער סיטואַציע אין משך פון די לעצטע יאָרהונדערטער האָבן ניט אָפּגעמעקט זייער אייגנאַרטיקייט לגבי אַנדערע און זייער פאַרבונדנקייט צווישן זיך. אָבער טיפע אונטערשיידן צווישן די פאַרשיידענע טיילן פון יידישן פאָלק האָבן זיך יאָ באַשאַפן, און ממילא קענען אויך די קיבוצדיקע אויפבוי־פאָדערונגען פון יידישן פאָלק נאָך דער איצטיקער מלחמה ניט פאָרמולירט ווערן אויף איין גענעראַלן שטייגער. די פאָדערונגען מוזן זיין צוגעפּאַסט צו די קאָנקרעטע אומשטאַנדן און מעגלעכקייטן.

אָבער לאָמיר אויך געדענקען אויף צוריק, אַז כאָטש די פאָרמען זיינען פאַרשיידענע איז די יידישע פּראָבלעם אַ וועלטפּראָבלעם. עס וואָלט געווען אַ פאַרברעכן צוליב אַ טייל פון דער פּראָבלעם צו פאַרזען דאָס גאַנצע. אויב ביי די ציוניסטן זאָל גובר זיין ליפּסקיס שטאַנדפּונקט און פאַרן פרייז פון ארץ־ישראל זאָלן די ציוניסטן רעזיגנירן פון אַ „ניט־געשטויגענעם נאַציאָנאַליזם", ד"ה פון דער אידעע פון כלל־ישראל, קען יעמאָלט געמאָלט זיין, אַז די יידישע אַרבעטערשאַפט איינע אַליין וועט בלייבן ביי דער אידעע פון כל ישראל חברים.

די צאָל יידישקייט־וואַריאַנטן וואָלט געווען גרעסער, אויב עס זאָל האַלטן ביי אויפשטעלן פּראָגראַמען פאַר אַלע 16־17 מיליאָן יידן. למשל ווען מיר זאָלן נעמען דיסקוטירן די ספּעציפישע סיטואַציע פון

יידן אין אַמעריקע, וואָלט דאָס געווען אַ קאָמפּלעקס פּראָגעס פאַר זיך. אָבער ווי אינטערעסאַנט און וויכטיק עס זאָל ניט זיין אָפּצו־וועגן די דערגרייכונגען, דורכפאַלן און פּערספּעקטיוון פון אַמעריקאַ־נער יידן, וואָלט דאָס אין היינטיקן צוזאַמענהאַנג געווען נאָר אַ טעאָ־רעטישער שמועס. פּראַקטיש שטייט די פראַגע נאָר וועגן די 10 מיליאָן יידן וואָס זיינען דירעקט געטראָפן געוואָרן פון דער מלחמה.

ווען מיר זאָלן פון פשטות וועגן צורעכענען די צפון־אַפרי־קאַנער יידן צו די פראַנצייזישע, וועלן מיר קומען צו דריי קאָמ־פּלעקסן יידישע פאָדערונגען:

(א) מערב־אייראָפּע;

(ב) ארץ־ישראל;

(ג) מזרח־אייראָפּע.

פאַר וואָס דער סדר? לויט דער צאָל וואָלט מזרח־אייראָפּע גע־דאַרפט שטיין אויפן ערשטן אָרט, נאָר דווקא ווייל דאָס איז דער גרעס־טער און וויכטיקסטער קאָמפּלעקס דאַרף מען זיך אויף אים אָפּשטעלן צום מערסטן באַריכות. דעריבער לאָז איך אים אויף צו לעצט און איך שטעל אויס די ענינים אין סדר פון זייער קאָמפּליצירטקייט און פון זייער פאַרשטענדלעכקייט פאַר פאַרפרעמדטע און פרעמדע.

## IV. מערב־אייראָפּע

פאַר מערב־אייראָפּע (דייטשלאַנד, עסטרייך, איטאַליע, פראַנק־רייך וכו׳), ווו יידן האָבן שוין געהאַט בירגערלעכע און פּאָלי־טישע גלייך־באַרעכטיקונג, הגם טייל מאָל מיט איינצאַמונגען אין דער פּראַקטיק, איז די זאַך קלאָר: דאָס וואָס דער היטלעריזם האָט ביי זיי צוגענומען דאַרפן זיי באַקומען צוריק. אין אַזאַ דייטשלאַנד, ווו עס האָט זיך אַנגעקליבן אַן איבערמאָס פון שנאה, ביטערניש און אָפּגע־פרעמדקייט, וועט מען ניט קענען, גלייך ווי גאָרניט, אָנהייבן דאָרטן ווו דער פאָדעם האָט זיך איבערגעריסן אין 1933. אָבער די פּרינצי־פּיעלע פאָדערונגען זיינען די זעלביקע:

1. יידן דאַרפן האָבן בירגערלעכע, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פול־באַרעכטיקונג.

2. יידישע קהילות, קאָנגרעגאַציעס, אָרגאַניזאַציעס אאַז״וו דאַרפן האָבן פולע פרייהייט צו פונקציאָנירן, צו שאַפן פאַרבאַנדן און צוצו־שטייך צו אינטערנאַציאָנאַלע פאַראייניקונגען, אויב זיי וועלען דאָס אַנערקענען פאַר געוווּנטשן.

## V. ארץ־ישראל

ארץ־ישראל האָט אין משך פון לעצטן האַלבן יאָרהונדערט אַריינגענומען אַ האַלבן מיליאָן יידן. זיי האָבן אויפגעבויט אַ כלל־לעבן אין געשלאָסענע שטאָטישע און לאַנדווירטשאַפטלעכע יישובים, אַנטוויקלט דאָס לאַנד עקאָנאָמיש און באַוויזן, אויף וואָס יידישע ענערגיע איז פעאיק, אויב מען גיט איר אַ געלעגנהייט זיך פונאַנדערצוּוויקלען. אין ארץ־ישראל איז אינוועסטירט געוואָרן ניט נאָר געלט, נאָר אויך אַן אומגעהייערער סכום אידעאַליזם, און אין היפשע טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אַנדערע לענדער רופט דער אויפבוי פון ארץ־ישראל אַרויס סימפּאַטיע און מיטהילף.

עס איז דעריבער קלאָר, אַז ווען עס גייט וועגן איינאָרדענען די וועלט נאָך דער מלחמה דאַרף ארץ־ישראל זיין אַ טייל פון דער אַלגעמיינער יידישער פּראָגראַם. די אינטערעסן פון יידישן יישוב אין ארץ־ישראל טאָרן ניט געבראַכט ווערן אַ קרבן דער אַראַבישער מאַיאָריטעט. דער יישוב דאַרף באַקומען זיינע רעכט אין דער גרעסט מעגלעכער מאָס, און אונטער די פּראָוויזיעס פון פּונקט 5 פון קאַפּיטל II דאַרף זיין באַוואָרנט די מעגלעכקייט פון ווייטערדיקער פרייער אימיגראַציע קיין ארץ־ישראל.

אָבער פּונקט אַזוי קלאָר מוז יעדער איינער פרעגן ביי זיך: צי קען ארץ־ישראל אַבסאָרבירן די מערהייט פון יידישן פאָלק? צי קען ארץ־ישראל אַבסאָרבירן כאָטשבי די מערהייט פון די צען מיליאָן יידן אין די קריג־פאַרגאָסענע לענדער?

מיר מוזן זיך שטעלן די פראַגעס, וואָרעם דאָ איז ניט קיין אַסיפה פון ארץ־ישראלדיקע יידן וואָס מעגן אפשר, אין אַן אַנפאַל פון עגאָאיזם, טראַכטן קודם־כל וועגן זיך. דאָ איז אויך ניט קיין צוזאַמענפאָר פון אַן אָרגאַניזאַציע וואָס איז געשאַפן געוואָרן לשם ארץ־ישראל און מעג דעריבער פאַרבייגן אַנדערע יידישע אינטערעסן. מיר מוזן פרעגן: צי איז פאַראַן אַ סתירה צווישן די אינטערעסן פון ארץ־ישראל און פאָלק ישראל? אַז עס קען געמאָלט זיין אַזאַ סתירה האָט ניט קיין קלענערער ווי אחד־העם פאָרמולירט דער ערשטער, און מיט אחד־העמס ווערטער האָט יעקב לעשטשינסקי דאָס איבערגעחזרט סך־הכל מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק.* צוזאַמען מיט זיי — הגם מיט אַן אַנדער שטעל און מיט אַנדערע אויספירן — דאַרפן מיר זאָגן, אַז אויב עס איז פאַראַן אַ סתירה צווישן די אינטערעסן פון ארץ־ישראל און פאָלק ישראל, איז

* אויפן שוועל, נ׳ 12־11, פעברואַר־מאַרץ 1942.

דאָס פאָלק ביילכער. אוודאי גלייבן די ציוניסטן באמונה שלמה, אַז זיי בויען דאָס לאַנד פאַרן פאָלק. אָבער נאָר אויב זיי וואָלטן געקענט ברענגען דערצו, אַז מיר אַלע זאָלן דאָס גלייבן, וואָלט געווען באַרעכטיקט, אַז מיר זאָלן שטעלן אַלצדינג אויף דער קאָרט פון לאַנד.

קיין שום ספק ניט, אין ארץ־ישראל האָבן יידן אויפגעטאָן גרויסע זאַכן (איבערהויפט לויט די השגות פון ניט־ציוניסטן; די ציוניסטן האָבן דאָך געשטרעבט צו אַן אַ שיעור מער). צו נעמען דאָס וויכטיקסטע: 1922 זיינען געווען ביי 80,000 יידן אין לאַנד, 1942 ביי אַ האַלבן מיליאָן. פאַר וואָס זאָלן ניט קענען אַריינקומען נאָך מיליאָנען? לואיס ליפסקי האָט טאַקע דערקלערט אין וואַשינגטאָן פאַר דער קאָמיסיע פאַר אויסווייניקסטע ענינים פונעם רעפּרעזענטאַנטן־הויז דעם 18טן אַפּריל 1922: פינף ביז צען מיליאָן יִדישע עמיגראַנטן קענען אַריינקומען קיין ארץ־ישראל אין משך פון עטלעכע יאָר. אַנדערע שאַצונגען גייען זיך וויט פונאַנדער. דער קאָנסערוואַטיווער גראַנאָווסקי האָט אויסגערעכנט 1936, אַז ארץ־ישראל קען אַריינעמען נאָר אַ 900,000 יידן. זשאַבאָטינסקיס חשבון איז געווען, אַז אויב ארץ־ישראל מיטן עבר־הירדן זאָלן זיין באַזעצט אַזוי געדיכט ווי בעלגיע, קען די טעריטאָריע אַריינעמען 18 מיליאָן מענטשן. נו, אויב מען זאָל אָוועקמאַכן מיט דער האַנט, אַז בעלגיע האָט אייזן און קוילן און קיין אַראַבער גאָרניט, קען מען באַלד אויסרעכענען, אַז אַזוי ווי ארץ־ישראל איז זעקס מאָל אַזוי גרויס ווי לאַנג־איילאַנד, וווּ עס וווינען פיר מיליאָן מענטשן, וואָלטן זיך אין ארץ־ישראל, אַפילו אָן עבר־הירדן, געקענט באַזעצן 24 מיליאָן.

אַלע ביז־איצטיקע פּרוּוון צו שאַצן די אויפנעמעוודיקייט פון ארץ־ישראל זיינען דורכגעפאַלן, און דעריבער וועט קיינער פון אונדז ניט האָבן קיין איבעריקס גרויסן צוטרוי צו שאַצונגען אויף לעתיד לבוא. אָבער פאַקטן בלייבן, פאַקטן טאָר מען ניט פאַרגעסן.

דער ערשטער פאַקט איז, אַז ארץ־ישראל (אָן דעם עבר־הירדן וואָס מען גיט ניט) האָלט 10,000 קוואַדראַטמייל, ד"ה הונדערט מייל די לענג אויף הונדערט די ברייט. הונדערט מייל איז דער מהלך פון ניו־יאָרק ביז אַטלאַנטיק סיטי.

דער שטאַט ניו־יאָרק האָלט 50,000 קוואַדראַטמייל און האָט 14 מיליאָן איינוווינערס. דערביי דאַרפן מיר געדענקען, אַז דאָס איז דער צום מערסטן באַפעלקערטער שטאַט אין די שטאַטן. הייסט עס, איין פינפטל וואָלט געמיינט אין באַפעלקערונג 2,800,000. צי לאָזט זיך דער אידעאַל דערגרייכן?


ארץ-ישראל צווישן די לענדער
פון נאָענטן מיזרח
סיריע
איראַק
ארץ-ישראל
עבר הירדן
עגיפטן
אַראַביע
תימן


יידישער ערדבאַזיץ
אין ארץ-ישראל
לויט דער מאפע פון קרן קימת
חיפה
תל אביב
יפו
ירושלים

דער צווייטער פאַקט איז, אַז דאָס ווערט באַשלאָסן ניט נאָר דורך עקאָנאָמישע אומשטאַנדן, נאָר אויך, און אפשר קודם־כל, דורך פּאָלי־טישע. עס איז גענוג אַ קוק צו טאָן אויף דער מאַפּע פון ארץ־ישראל וואָס איז פּובליקירט פונעם יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד כדי צו זען, וואָס פאַר אַ קליינער טייל ארץ־ישראל עס געפינט זיך ביי היינטיקן טאָג אין יידישן באַזיץ.

צי זיינען פאַראַן שאַנסן, אַז דער יידישער באַזיצשטאַנד זאָל זיך ממשותדיק פאַרגרעסערן? מיר קענען שטעלן די פראַגע אויף אַ מער אַלגעמיינעם אופן: צי זיינען אין פאַרגלייך מיט 1918 געשטיגן די יידישע שאַנסן אָדער די אַראַבישע שאַנסן? ענגלאַנדס סיטואַציע לגבי יידן אין דער איצטיקער מלחמה זעט מען האָך. צי וועט איר סיטואַציע זיין גרינגער נאָך דער איצטיקער מלחמה? וועגן דעם קען אונדז די מאַפּע אויך עפּעס לערנען. אין ארץ־ישראל זיינען יידן עפּעס איבער אַ דריטל פון דער באַפעלקערונג. אָבער ארץ־ישראל איז פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט פון אַנדערע אַראַבישע לענדער. אין אַט דער סיסטעם אַראַבישע לענדער איז די באַפעלקערונג פון ארץ־ישראל נאָר איין דרייסיקסטל, די יידישע באַפעלקערונג נאָר 1/66. די טעריטאָריע פון ארץ־ישראל איז נאָר 1/50 פון דער גאַנצער אַראַבישער טעריטאָ־ריע. אַוודאי קען מען זאָגן, אַז אויב די אַראַבער האָבן אַזוי פיל, וואָלט געווען ניט מער ווי גערעכט, אַז זיי זאָלן אונדז אויך געבן כאָטש עפּעס. די גאַנצע פראַגע איז נאָר, צי מיר קענען דאָס פּועלן. ענגלאַנד ווייס, אַז די אַראַבער קענען גיין מיט היטלערן אויך, און מיר קענען ניט. און צי וועט ענגלאַנדס סיטואַציע לגבי די אַראַבישע לענדער זיין גרינ־גער נאָך דער איצטיקער מלחמה? עס איז גענוג אַ טראַכט צו טאָן וועגן אינדיע, כדי צו זען, וווהין די אַנטוויקלונג גייט.

ניט די אינטערעסן פון אַראַבער, נאָר די אינטערעסן פון יידן, אַריינגערעכנט די אינטערעסן פון יידן אין ארץ־ישראל, דאַרפן אונדז ברענגען דערצו, אַז מיר זאָלן ניט ריזיקירן צו שטעלן אַלץ אויף דער קאַרט פון ארץ־ישראל.

די פאַרשלאָגן וועגן „טראַנספערירן" די אַראַבער פון ארץ־ישראל — ווען אַפילו מען זאָל זיי באַצאָלן פאַר דער ערד — האָבן חוץ אַלע זאַכן דעם חסרון, אַז די אַראַבער וועלן ניט וועלן; און נייטן זיי אַוועק־צוגיין זיינען יידן צו שוואַך. דערפאַר איז אָבער קיין ספק ניט, אַז די דאָזיקע רייד וועגן טראַנספער זיינען געווענדט קעגן די אינטערעסן פון יידן אין דער גאַנצער וועלט: די וואָס ווילן אונדז עוואַקואירן פון פאַרשיידענע לענדער זיינען שטאַרקער קעגן אונדז איידער יידן אין

ארץ־ישראל קעגן אַראַבער, און עס טויג ניט, אַז דער אַרגומענט פון אַ יידישער פּאַרטיי זאָל קענען אויסגעניצט ווערן קעגן יידן.

פון דער אַנדערער זייט איז אַ גרויסער ספק, צי וואָלט באמת גע־ווען געדינט די אינטערעסן פון יידן אין ארץ־ישראל גופא, ווען מען זאָל זיי געבן די שאַלעכץ פון אַ מלוכישער עקסיסטענץ און איבערלאָזן זיי אויג אויף אויג מיט דער אַראַבישער באַפעלקערונג און פון די אַרו־מיקע דורכויס אַראַבישע לענדער. צי וואָלט געווען אין די אינטערעסן פון יידן, אַ באַוווּסטע מינאָריטעט אין אַזוי פיל לענדער, אַז ארץ־ישראל זאָל זיין אַ מלוכה געפירט פון אַ יידישער מינאָריטעט — אַפילו ווען דאָס זאָל געווען זיין מעגלעך מיט כוח?

יידן אין ארץ־ישראל זיינען באַרעכטיקט צו אַ מאַקסימום גאַראַנ־טיע פון אומגעשטערטער אַנטוויקלונג, אָבער דער דאָזיקער מאַקסימום איז בטבע באַגרענעצט דורך צוויי זאַכן: עס זאָל ניט שעדיקן די אינ־טערעסן פון יידן אין אַנדערע לענדער און עס זאָל ניט אויסשטעלן אויף סכנות דעם יידישן יישוב אין ארץ־ישראל גופא.

פון דעם וואָס מען קליגט זיך און מען רופט אָן די מלוכה מיט אַ מטושטשן ענגלישן וואָרט „קאָמאָנוועלטה" ווערט דער ענין ניט אַנ־דערש, און קלערער אַוודאי ניט.*

אַ קאַנטאָנאַלע סיסטעם, ווי מען האָט אין ציִיט פּאַרגעלייגט, וואָלט אפשר געווען גוט, ווען זי זאָל ניט פּאַראייביקן די איצטיקע קליינע יידי־שע טעריטאָריע, ווען זי זאָל דערלאָזן אָן אויסברייטערונג אויף וויפל די יידישע באַפעלקערונג וועט זיך פּאַרגרעסערן.

פּאַראַן אַזוינע וואָס זאָגן: זאָל זיין אַ בינאַציאָנאַלע מלוכה. אַ שיין וואָרט, נאָר מען מוז דאָך ערשט זאָגן וואָס דאָס מיינט, אַניט איז דאָס אַ פּוסט וואָרט. ווי אַזוי זאָל זיין אָרגאַניזירט אין דער בינאַציאָנאַלער מלוכה ארץ־ישראל די צענטראַלע רעגירונג, דער פּאַרלאַמענט, די אָרטיקע אַדמיניסטראַציע, די געריכטן, די שטייעראַמטן? ענטפערט מען: הלמאַי בעלגיע? הלמאַי שווייץ? אָבער אַנאַלאָגיעס זיינען ניט קיין ראיה. אין יענע לענדער איז דאָך די אַנטוויקלונג געגאַנגען גאָר אַנדערש. אין בעלגיע איז דאָך די מלוכה געווען איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן די פלאַמישע באַוועגונג, און די באַוועגונג (אַחוץ די פּראָדייטשע אַקטיוויסטן) האָט קיין מאָל ניט געהאַט קיין דיסרופּטיווע טענדענצן. אין שווייץ זעט מען דאָס אַרויס נאָך בולטער: די גאַנצע

* די שטאַרקסטע פּאָלעמיק קעגן „קאָמאָנוועלטה" איז געקומען דווקא פון אַ ציוניסטישן פּובליציסט, ד"ר אַ. קובאָוויצקי, אין „יידישן קעמפער", מאַי 8, 1942.

שווייצער קאָנפעדעראַציע איז דאָך געבוירן געוואָרן און היסטאָריש אויס־געוואַקסן לשם אחדות — צי איז דאָס די סיטואַציע מיט די צוויי פעל־קער אין ארץ־ישראל? *

ווען מען זאָגט: בינאַציאָנאַלע ניט, נאָר פעדעראַטיווע יאָ, האָלט מען פּונקט אַזוי ווייט ווי געווען. עס איז אַזוי ווי ווען מען וואָלט ביי אייך געפרעגט: ווי אַזוי שטעלט איר זיך פאָר די איינאָרדענונג פון דער וועלט נאָך דער מלחמה? — און איר וואָלט געענטפערט: מיר שטרעבן צו אַ בעסערן און שענערן לעבן.

איך בין מודה, אַז עס איז ניט גרינג צו געפינען די מלוכה־רעכט־לעכע פאָרעם פאַר ארץ־ישראל. איך בין מודה, אַז איך אַליין האָב נאָך ניט וועגן דעם קיין קאָנקרעטע השגה. אָבער עס איז דאָך קיין תכלית ניט צו פאַרגרינגערן זיך די מלאָכה דורך אָוועקשטעלן ווערטער אָנשטאָט באַגריפן.

עס קען געמאָלט זיין, אַז אָנהאַלטן דעם ענגלישן מאַנדאַט וואָס לענגער איז צום מערסטן אין די אינטערעסן פון יידן. אָבער איינס איז קלאָר: לעבנס־מעגלעכקייטן פאַר יידן אין ארץ־ישראל קען מען געפינען נאָר דורך דורכקומען מיט די אַראַבער — דאָס האָט שוין עפנטלעך דערקלערט מיט עטלעכע וואָכן צוריק משה טשערטאָק, דער פירער פונעם פּאָליטישן דעפּאַרטעמענט פון דער יידישער אַגענץ. און אַוודאי קען מען גאָרניט דערגרייכן דורך בייזערן זיך אויף ענגלאַנד (עס בייזערן זיך די זעלביקע וואָס קענען ניט פאַרשטיין, הלמאַי ענג־לאַנד זאָמט זיך אַזוי מיט נאָכגעבן אין אינדיע). ענגלאַנד איז געבונ־דען דורך אָביעקטיווע באַדינגונגען אַ סך מער ווי דורך אירע אַמאָליקע צוזאָגן.

## VI. ארץ־ישראל איז ניט די צענטראַלע יידישע פּראָבלעם

לכל־הדעות דאַרף די פּראָבלעם ארץ־ישראל רעדוצירט ווערן צו די געהעריקע פּראָפּאָרציעס אינעם אַלגעמיינעם בילד פונעם יידישן לעבן. ארץ־ישראל איז ניט די צענטראַלע יידישע פּראָבלעם, און ווי באַלד אַזוי טאָר מען ניט אַרויסרוקן ארץ־ישראל אין פאָדערגרונט פון דער יידישער פראַגע. כל־זמן יידן זיצן אין די גרויסע מיליאָנען אין אייראָפּע, איז קעגן די אינטערעסן פון יידישן פאָלק צו שאַפן דעם

* אין די ניו־יאָרקער יידישע צייטונגען פון 12טן יוני 1942 איז געווען אַ ידיעה וועגן ד״ר מאַגנעסעס אַ פּלאַן פון אַ בינאַציאָנאַלער מלוכה. אָבער קיין שום פּרטים פון דעם פּלאַן האָט ער אויך ניט געגעבן.

איינדרוק, אַז ארץ־ישׂראל איז די תרופה פאַר אַלע יידישע צרות, אַפילו ווען עמעצער מיינט, אַז ער ווייס אויף זיכער, ווי אַזוי אַרויסצופירן יידן פון גלות.

שטעלן ארץ־ישׂראל ווי אַ תרופה פאַר אַלע יידישע צרות איז ניט קיין רעאַליסטישע יידישע פּאָליטיק, איז געשפּילט וואַבאַנק. ווער עס טוט אַזוי, דער דערווייזט, אַז עס קען געמאָלט זיין אַ סתירה צווישן ציוניסטישע אינטערעסן און יידישע אינטערעסן.

אומזיסט זאָגט מען, אַז איצטער איז ניט די צייט אויפצומישן אַלטע חטאים אַפילו אויב חטאים זיינען געווען. אויב מען וויל אָנציי־כענען אַ פּאָליטיק אויף להבא, מוז מען אַנאַליזירן דאָס וואָס עס איז געווען.

לאָמיר זיך דערמאָנען דעם פּלאַן וואָס זשאַבאָטינסקי האָט אין סעפּטעמבער 1936 געבראַכט קיין פּוילן: פון מזרח־אייראָפּע מוזן אַוועקגיין אין משך פון צען יאָר צייט אָנדערטהאַלבן מיליאָן יידן, דערין פון פּוילן 750,000. דערויף מוז מען באַקומען די שטיצע פון די אַנטיסעמיטישע רעגירונגען. קווענקלען זיך איז ניטאָ וואָס, ווייל די אַרויסשטופּונג פון יידן איז אַ נאַטור־געזעץ. זשאַבאָטינסקי איז אויך געווען דער וואָס האָט פּאָרגעלייגט, אַז פּוילן זאָל איבערנעמען דעם מאַנדאַט איבער ארץ־ישׂראל, ווייל ענגלאַנד איז דורכגעפאַלן; איין צייט האָבן די רעוויזיאָניסטן אויך געוואָלט מוסאָליניען איבערגעבן דעם מאַנדאַט. דער רעוויזיאָניסט יעקב פּערלמאַן האָט אין אַ פּוילישער בראָשור, אַרויסגעגעבן אין וואַרשע 1937, צום שאַרפסטן געשטעלט די פאָדערונג פון ארץ־ישׂראל־מאַנדאַט פאַר פּוילן. כדי צו מאַכן דאָס געשמאַקער, האָט ער געמאָלט פאַר פּאָליאַקן די פּערספּעקטיוו, אַז פּוילן וועט געניסן פון מאַנדאַט מאַטעריעל און מיט דער צייט וועלן בלייבן אין פּוילן נאָר עטלעכע הונדערט טויזנט יידן.

דאָ ניט לאַנג האָבן די רעוויזיאָניסטן אָפן מודה געווען, אַז זיי האָבן ערב דער איצטיקער מלחמה פון סקלאַדקאָווסקיס אַנטיסעמיטי־שער רעגירונג בשתיקה גענומען געלט אויף צו שטיצן די אומלעגאַלע עמיגראַציע קיין ארץ־ישׂראל. זיי האַלטן, אַז דאָס איז קיין עוולה ניט, פונקט ווי עס איז ניט קיין עוולה, וואָס זיי האָבן איצט גענומען געלט פון דער פּוילישער גלות־רעגירונג אין לאָנדאָן פאַר פּראָפּאַגאַנדירן עוואַקואַציע פון יידן פון פּוילן נאָך דער מלחמה.

קעגן די לעצטע צוויי רעוויזיאָניסטישע אַרגומענטן זיינען ציוניסטן שאַרף אַרויסגעטראָטן. אָבער צי האָט ניט די ציוניסטישע פּאַרטיי אין פּוילן אין משך פון לאַנגע יאָרן אַליין דעמאָנסטרירט די סתירה

צווישן ציוניסטישע און יידישע אינטערעסן? - דערמאָנט זיך גרינבוימס זאָץ וועגן דעם, אַז עס איז פאַראַן „אַ מיליאָן איבעריקע יידן אין פוילן". ער האָט געמיינט גוט פאַר ארץ־ישראל, וואָרעם זיין כוונה איז דאָך געווען, אַז מען זאָל אים העלפן ברענגען קיין ארץ־ישראל אָט דעם אי־בעריקן מיליאָן. אָבער ווי אַזוי האָט דאָס געווירקט אויף דער לאַגע פון יידן אין פוילן, ווען דער פירער פון דער יידישער סיים־פראַקציע האָט געגעבן די אַנטיסעמיטן אַזאַ מין פיין געשליפענע פאָרמל אין מויל אַריין! ביזן סאַמע סוף האָבן די אַנטיסעמיטן ניט אויפגעהערט צו פאַסמאַקעווען זיך מיטן דאָזיקן ווערטל און צו שטעכן יידן די אויגן, אַז זייער אייגענער פירער האָט דאָך דאָס געזאָגט.

און דאָס איז ניט געווען דער איינציקער פסוק וואָס גרינבוים האָט צוגעשטעלט די אַנטיסעמיטן. אויף אַ גרויסער פאָלקס־פאַרזאַמלונג אין לובלין האָט גרינבוים אויסגעשטעמפּלט דעם זאָץ: „יידן פאַר־פעסטן די לופט אין פוילן". אָנהייב אויגוסט 1936 איז ער געקומען קיין פוילן פון ארץ־ישראל און אָפּגעגעבן דערקלערונגען וואָס האָבן אַרויסגערופן אַ טומל אין אַ טייל פון דער יידישער פּרעסע. גרינבוים האָט געהאַלטן, אַז מען האָט זיינע ווערטער פאַרדרייט און פונאַנדער־געשיקט די סטענאָגראַם פון דעם וואָס ער האָט פאַקטיש געזאָגט. אין אָט דער סטענאָגראַם איז געווען אַזאַ מין זאָץ, וואָס זיין אויטענטישקייט וועט דאָך שוין קיינער ניט לייקענען:

> „מיר קומען צום אויספיר, אַז יידן מוזן אין אַ באַדייטנדי־קער מאָס פאַרלאָזן די איבערבאַפעלקערטע לענדער. איצטער האָבן מיר אין אַמעריקע פיר מיליאָן יידן. אָבער אַמעריקע האָט געשלאָסן אירע טויערן פאַר דער אימיגראַציע, און ווען דאָרט וועט ווערן ענג וועט אויך דאָרט געשען דאָס וואָס עס קומט פאָר אין אַנדערע לענדער."

צי קען מען גרינבוימען מאַכן פאַרן שעיר לעזאזל און זאָגן, אַז ער האָט אויסגעדריקט נאָר זיין פערזענלעכע מיינונג? מען דאַרף נאָר נעמען די אַרויסזאָגונגען פון ציוניסטישע פירערס און טוערס פון פוילן כדי צו זען, אַז דאָס וואָלט געווען אומגערעכט קעגן גרינבוימען.

דעם 29טן יוני 1936 האָט אַ ציוניסטישער פירער אויף אַ קאָנפע־רענץ פון היצעם אין פּאַריז געזאָגט: 100 ביז 120 טויזנט יידן מוזן אַלע יאָר אַרויספאָרן פון פוילן אין משך פון צען יאָר נאָכאַנאַנד, מחמת עס זיינען פאַראַן אַ 1,200,000 יידן וואָס האָבן ניט קיין נאָרמאַלע חיונה אין פוילן.

דער יידישער וועלט־קאָנגרעס איז דעם 12טן אָקטאָבער 1936 אַרויס מיט אַן אַפּעל צו דער פעלקער־ליגע וועגן יידישער עמיגראַציע,

וואָס זי איז אַן אָביעקטיווע נויטווענדיקייט, ווייל מיר האָבן צו טאָן מיט „אַן איבערפלוס פון דער באַפעלקערונג אין די דערמאָנטע לענדער״.

ד״ר ווייצמאַן אַליין האָט פאַר דער קעניגליכער אויספאָרש־קאָמיסיע אין ארץ־ישראל געזאָגט דעם 27טן נאָוועמבער 1936:

> „לאָמיר אָננעמען, אַז דאָס פוילישע פאָלק באַציט זיך גינציק צו יידן. פאַראַן אָבער אָביעקטיווע סיבות וועלכע פירן אין יענעם טייל וועלט צו אַרויסשטופן יידן.״

עס איז ניט שייך צו ברענגען ציטאַטן מיט אַרויסזאָגונגען פון דעם מין, טאָפלטייטשיקע און אָפט מאָל איינטייטשיקע, וואָרעם מען וואָלט געדאַרפט אָנפילן גאַנצע בענד. לאָמיר פאַרצייכענען בלויז נאָך איינע.

אין 1927 איז אין דריטן באַנד פון Jahrbuch für Soziologie, אַ שטרענג וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבע פאַר ספּעציאַליסטן, געווען געדרוקט אַן אַרטיקל פונעם ציוניסט יעקב ראַפּאָפּאָרט אין ווין וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין פוילן. דאָרטן געפינען מיר אויף ז׳ 252 אַזוינע זאַצן:

> „אַוודאי איז די פוילישע באַפעלקערונג גערעכט, ווען זי וויל זיך עמאַנציפּירן פונעם יידישן סוחר דורך גרינדען אייגענע קאָאָפּעראַטיוון, אָבער אומפאַראַנטוואָרטלעך איז די האַלטונג פון דער פוילישער רעגירונג ווען זי קוקט זיך צו צו מיט פאַרלייגטע הענט צו דער וואַקסנדיקער פאַראָרעמונג פון די יידישע מאַסן. די פוילישע רעגירונג וואָלט געדאַרפט אָרגאַניזירן די אויסוואַנדערונג פון יידן קיין ארץ־ישראל און גרינדן אין לאַנד גופא יידישע יישובים־קאָלאָניעס. מיר חזרן איבער נאָך אַ מאָל: די פוילישע יידן־פראַגע איז קודם־כל אַ סאָציאַלע פראַגע, אַ פראַגע פון אויסוואַנדערונג און פון פּראָפעסיאָנעלער איבערשיכטונג.״ *

---

* ביים גרייטן דעם רעפעראַט צום דרוק שטויס איך זיך אָן אויף אַן אויפרוף פון אַ „קאָמיטעט פון קריסטלעכע פירערס, גייסטלעכע און ניט־גייסטלעכע, לטובת יידישער אימיגראַציע קיין ארץ־ישראל״. דער אויפרוף איז געווען געדרוקט דעם 10טן יוני 1942 אין New York Times. מיר ווייסן ווי אַזוי אַזוינע אינסטיטוציעס און אויפרופן פון חסידי אומות העולם קומען צו שטאַנד. דער גרונטגעדאַנק פונעם דאָקומענט איז, אַז אַנטיסעמיטיזם איז דורך דער נאַצישער פּראָפּאַגאַנדע געוואָרן אַזוי איינגעוואָרצלט אין מיטל־ און מזרח־אייראָפּע, אַז יידן האָבן פאַרלוירן דאָרטן די האָפענונג צו לעבן מיט וויפל ניט איז זיכערקייט און אַז ארץ־ישראל איז דאָס סאַמע צוגעפּאַסטע לאַנד אַריינצונעמען יידן. דאָ קומט אַ זאַץ: „מיר האַלטן ווייטער, אַז וואַנדערונג אין אַ גרויסן פאָרמאַט וועט פאַרקלענערן דעם דרוק אַנטקעגן יענע יידן וואָס וועלן אויסקלייבן צו בלייבן דאָרט וווּ זיי זיינען איצטער.״ צי קען נאָך זיין עפּעס געפערלעכערס ווי פאַרשפּרייטן די דאָזיקע תורה וואָס

מען דאַרף ניט פֿאַרלירן קיין איין וואָרט אויף צו דערווייזן, אַז די ציוניסטישע פֿירערס האָבן ניט געוואָלט שלעכטס טאָן פּוילישע ייִדן. זיי זיינען נאָר געווען דורכגעדרונגען מיטן געדאַנק וואָס אָ. האַרטגלאַס האָט פֿאָרמולירט אין „היינט" דעם 13טן דעצעמבער 1938 אין אַזוינע ווערטער: „ארץ־ישראל איז פֿאַר דעם וועלט־ייִדנטום דער קאַמף־פֿראָנט, דער גלות — דאָס הינטערלאַנד." זיי האָבן דעריבער ניט געשפּירט, אַז ייִדן טאָרן ניט ריידן וועגן אָביעקטיווע באַדינגונגען, צוליב וועלכע ייִדן ווערן אַרויסגעשטויסן. מיר ווייסן צו ווינציק וועגן אָביעקטיווע באַדינגונגען, אַז מיר זאָלן אַרויסגעבן אַ הכשר אונדזערע ערגסטע שונאים. לויט חשבונות פֿון פּוילישע עקאָנאָמיסטן זיינען אין פּוילן געווען פֿיר (און אַנדערע האָבן געזאָגט אַכט) מיליאָן מענטשן אָן אַ שאַנס זיך אויפֿצוהאַלטן, אויב עס זאָל זיך ניט בייטן די עקאָנאָמישע סטרוקטור פֿון לאַנד. אַ געזונטע ייִדישע פּאָליטיק האָט געפֿאָדערט צו פֿאַרבינדן די אינטערעסן פֿון די „איבעריקע ייִדן" מיט די אינטערעסן פֿון די „איבעריקע פּאָליאַקן" און אויפֿצווייזן, אַז אַן אינדוסטריאַליזירונג פֿון לאַנד דאַרף באַשאַפֿן לעבנס־מעגלעכקייטן פֿאַר אַלעמען; און אַז אויב אַ טייל באַפֿעלקערונג מוז פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד, וועלן מיר קיין מאָל ניט געבן אונדזער ברכה אויף דעם, אַז ייִדן זאָלן מוזן אַוועקגיין די ערשטע איבער זייער ייִדישקייט. אַנשטאָט דעם האָט מען געגעבן אַ געלעגנהייט דער קאָנסערוואַטיווער קראָקעווער צייטונג Czas צו שרייבן אין אויגוסט 1936:

„די מיינונגען וואָס גרינבוים זאָגט אַרויס קלינגען אידענטיש מיט די מיינונגען פֿון מענטשן וועלכע מען וואָלט פֿאַר די זעלבע רייד אין יעדער אַנדערן פֿאַל באַצייכנט ווי אַנטיסעמיטן."

דעם קאַרדינאַלן איבערקער אין די פּאָליטישע שטימונגען ביי דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין פּוילן ערב דער איצטיקער מלחמה מיט די גרויסע וואַל־נצחונות פֿון „בונד" 1938 און 1939 קען מען אויסטייטשן נאָר מיט איין זאַך: די גרויסע מאַסן ייִדן האָבן מערניט

---

איז אַרויסגעוואַקסן גלייך פֿון אַנטיסעמיטישן פֿעלד, אַז אויב דער פּראָצענט ייִדן אין אַ לאַנד שטייגט אַריבער אַ געוויסן פּראָצענט, פֿאַרגרעסערט דאָס דעם אַנטיסעמיטיזם? עס איז אַגב אַ גראָבער ליגן אויך. פֿון רומעניע האָבן עמיגרירט צווישן 1881 און 1914 איבער 30 פּראָצענט פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג פֿון לאַנד, און פֿון דעסט וועגן איז דער אַנטיסעמיטיזם דאָרטן — איבער פּאָליטישע טעמים — ניט געפֿאַלן, נאָר געוואַקסן. אין איטאַליע זיינען פֿאַר מוסאָלינין געווען 40,000 ייִדן אויף אַ באַפֿעלקערונג פֿון 40,000,000 אויף איינצופֿירן אַן אַנטי־ייִדישע געזעץ־געבונג בשעת דאָס האָט אים געלוינט.


מיזרח-יידנטום
און
מערב-יידנטום
פינלאַנד
נאָרוועגיע
שוועדן
עסטלאַנד
לעטלאַנד
ליטע
באַלטישער ים
אירלאַנד
ענגלאַנד
דענעמאַרק
ווייס-רוסלאַנד
סאָוועטן-פאַרבאַנד
דייטשלאַנד
פוילן
בעלגיע
אוקראַינע
טשעכאָסלאָוואַקיי
פראַנקרייך
עסטרייך
אונגערן
רומעניע
שווייץ
פאָרטוגאַל
יוגאָסלאַוויע
שוואַרצער ים
איטאַליע
שפּאַניע
בולגאַריע
גריכנלאַנד
טערקיי
יעקב שלום

געוואָלט ליידן די עמיגראַציאָניסטישע גענג פון זייערע שליחי־ציבור. די רייד וועגן יציאת אייראָפּע זיינען טאַקע מערניט ווי רייד, אָבער רייד קענען אויך זיין אַן אומגליק, ווייל זיי שטאַרקן די פּאָזיציע פונעם שונא דורך צושטעלן אים אַרגומענטן, זיי פּאַראַליזירן ביי יידן דעם ווילן, זיי שוואַכן אָפּ ביי יידן דעם גלויבן אין זייערע אייגענע כוחות. די כוחות וועט מען דאַרפן נאָך דער מלחמה אויך, שונאים וועלן נאָך דער מלחמה אויך ניט פעלן, אַפילו ווען די געזעצן זאָלן זיין אין גאַנצן אויף אונדזער צד.

איך וויל ניט, מען זאָל מיך כאַפּן ביי אַ גוזמא; ביי מיר איז רעכט, אַז די כסדרדיקע צרות האָבן געבראַכט דעם יידן דערצו, ער זאָל זיך אַ ביסל גרינגער אַ הייב טאָן פון אָרט ווי דער ניט־ייד. אָבער עס ליגט אין די אינטערעסן פון יידן צו שטאַרקן אויף אַ באַוווסטזיניקן אופן די נאַטירלעכע פּאַרוואָרצלטקייט וואָס נעמט זיך פון לעבן אויף דער טעריטאָריע פון מזרח־אייראָפּע אַ קאָלעקטיוו לעבן אין משך פון אַזוי פיל הונדערטער יאָר.

## VII. מזרח־אייראָפּע

יידן זיינען אין מזרח־אייראָפּע אַ פיל־ווינציק איינהייטלעכער עטנישער קיבוץ אויף די טעריטאָריעס וואָס זיינען באַגרענעצט בערך: אין מזרח דורך אַ ליניע וואָס ציט זיך פון מעליטאָפּאָל ביז נאַרווע, אויף מערב דורכן דוניי, דורך דער מאַראַווע און דורכן דייטש־פּוילישן גרע־נעץ פון 1939. דאָס איז ניט קיין צופעליקע אַרומגרענעצונג. דאָס זיינען בעצם די טעריטאָריעס פון דער אַמאָליקער רעפּובליק פּוילן ביז 1772 און שכנישע סלאַוויש־אונגערישע טעריטאָריעס, וויטער די געגנטן וואָס זיינען קאָלאָניזירט געוואָרן דורך פּוילישע יידן. ווי פּאַר־שיידן עס זאָלן ניט זיין די יידישע יישובים אין מזרח־אייראָפּע, האָבן אָבער ליטוואַקעס און פּוילישע און גאַליציאַנער און רומענער דאָ אין ניו־יאָרק זיך גיך געפונען ווי גלידער פון איין פאָלק און אין אַלע באַ־וועגונגען געאַרבעט אין ברידערלעכער שותפות. ווען מען באַרעכנט, ווי אַזוי די 150 יאָר פּאַראייניקטע שטאַטן האָבן צונויפגעשמידט די פאַרשיידענע פעלקער און ראַסעס, קען מען פאַרשטיין, וואָס עס מיינט די אייניאייגעמדיקייט פון גורל פאַר מזרחדיקע יידן אין משך פון לפחות זיבן הונדערט יאָר.

אין טערמינען פון מלוכות לויטן שטאַנד פון 1939 באַטייט די טע־ריטאָריע: אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד, עסטלאַנד, לעטלאַנד, ליטע, פּוילן, טשעכאָסלאָוואַקיי, רומעניע.

דאָס זיינען די לענדער — צי זיי געפעלן אונדז צי ניט — וווּ יידן זיינען און וווּ זיי וועלן בלייבן, צי מיר ווילן אָדער מיר ווילן ניט. אומעטום אין די לענדער זיינען פאַראַן כוחות וואָס ווילן אונדז ניט. איז איינס פון די צוויי: אָדער מיר גיבן אונדזער הסכם אויף עוואַקואַציע — אָבער דערויף וועט זיך קיין יידישער פּאָליטיקער ניט באַשליסן. איז אויב ניט, דאַרף מען זיך שטעלן אַנדערש: עס דאַרף אַלץ געטאָן ווערן צו שטאַרקן די דאָזיקע יידן אין זייער קאַמף פאַר עקסיסטענץ און אַנטוויקלונג, עס טאָר קיין זאַך ניט געטאָן ווערן, וואָס זאָל שעדיקן דעם דאָזיקן קערן פון יידישן פאָלק, דעם קערן אין צאָל און דעם קערן אין שעפערישקייט — אין שעפערישקייט אַפילו פאַרן אויפבוי פון ארץ־ישראל.

ווי זעט אויס די פּראָגראַם קאָנקרעט?

## VIII. כלל־רעכט פאַר יידן אין מזרח־אייראָפּע

אין די דאָזיקע לענדער דאַרפן, פאַרשטייט זיך, פּונקט ווי אין מערב־אייראָפּע, פאַרזיכערט ווערן די יחידישע רעכט פון יידן. אָבער די מעגלעכקייטן פאַר יידן צו אַנטוויקלען זיך ווי אַ כלל זיינען דאָ גאָר אַנדערע, און זיי דאַרפן דעריבער אויף אַ געהעריקן אופן פאַרפעסטיקט ווערן אינעם געשריבענעם רעכט. דאָס מיינט מיט אַנדערע ווערטער: יידן אין מזרח־אייראָפּע זיינען אַ פאָלק וואָס האַלט זיך אין אַנטוויקלען אין דער ריכטונג פון אַ ברייטערן כלל־לעבן, און די דאָזיקע אַנטוויקלונג דאַרף באַוואָרנט ווערן יורידיש.

איך זע קלאָר, אַז צום ווינציקסטן פיר וויכטיקע ספקות רוקן זיך אַרויס קעגן דער דאָזיקער פאָרמולירונג. לאָמיר זיי ניט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט און זיך אַריינטראַכטן אין יעדערן פון זיי.

ספק נומער 1: וואָס האָבן געוויזן די יאָרן 1919 ביז 1939? צי ווילן גאָר יידן זיין אַ פאָלק?

ספק נומער 2: ווי אַזוי וועט מען דאָס באַוואָרענען? עס זיינען דאָך שוין געווען מינאָריטעטן־טראַקטאַטן און זיי זיינען דורכגעפאַלן.

ספק נומער 3: אַט איז דאָך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד געווען אַן אידעאַלע געלעגנהייט פאַר דער אַנטוויקלונג פון יידישער נאַציאָנאַלער קולטור, און פון דעסט וועגן גייט ניט.

ספק נומער 4: צו וואָס דאַרף מען דאָס? מיט וואָס איז שלעכט אַזוי ווי אין אַמעריקע?

לאָמיר פאַרענטפערן די ספקות — על ראשון ראשון ועל אַחרון אַחרון.

פאַרענטפער נומער 1:

אויב מעסטן לויט דעם וואָס עס האָט זיך אויפגעהיט היינט, בשעת היטלער געוועלטיקט איבער אייראָפּע, איז דאָך פון פוילן, פון טשעכאָ־סלאָוואַקיי און פון נאָך העכער אַ צענדלינג מלוכות אויך „גאָרניט געבליבן". אָבער עס איז יאָ געבליבן — דאָס געדעכעניש פונעם אויפטו; די האָפענונג, אַז מען וועט אויפבויען צוריק; די זיכערקייט, אַז דער שונא וועט פאַלן; און אַפילו ביי היינטיקן טאָג גופא דאָס זיסע געפיל פון קעמפן פאַר דעם שונאס מפלה.

די יאָרן 1919 ביז 1939 אין יידישן לעבן פון מזרח־אייראָפּע האָבן געוויזן: עס זיינען פאַראַן אין יידישן לעבן, אין פוילן און אין יעדער אַנדערן לאַנד פון די דערמאָנטע, צוויי טענדענצן אַנטקעגנדיקע — איינע פון אומקום, די צווייטע פון אויפשטייג. דער אומקום רייסט פון אונדז שטיקער. דער אויפשטייג האָט טייל מאָל אין טייל לענדער שוין געהאַט אַזאַ פאַרנעם, אַז אַפילו אַנדערע לענדער האָבן גענאָסן פון די אויפטוען. מעסטן קען מען דאָך נאָר לויט דער סיטואַציע. די רעליגיעזע לעבנס־פאָרמען האָבן שוין ניט געהאַט גענוג האַפט, קיין נייע זיינען נאָך ניט געווען פאַרטיק. באַדינגונגען פון קאָנקור־רענץ מיט דער דרויסנדיקער וועלט זיינען געווען זייער שווערע: אַט איז פויליש אָקערשט געוואָרן די מלוכה־שפּראַך, און די מלוכה־שפּראַך מוז מען קענען. אָבער אַנטקעגן די דורכפאַלן האָבן מיר געהאַט צו פאַרצייכענען גרויסע אויפטוען אויך. דאָס וויכטיקסטע איז געווען: מיר האָבן אין לעצטן דור באַקומען אַ יידישע אינטעליגענץ געהאָדע־וועט אין אַ גרויסער מאָס אין יידיש, אויסגעקנאָטן אין יידישן לעבן. עס האָבן זיך געשאַפן יידישע שולן וואָס האָבן זיך ניט געהאַט וואָס צו שעמען אַנטקעגן די בעסטע. די יידישע ליטעראַטור, די יידישע וויסנשאַפט זיינען דערגאַנגען צו דער מדרגה, וואָס קיינער האָט וועגן איר מיט 25 יאָר צוריק נאָך ניט געקענט טרוימען. און וואָס זיינען עטלעכע און צוואַנציק יאָר אין לעבן פון אַ פאָלק? נאָך אַלעמען זיינען דאָס אַלץ געווען יאָרן פון עקספּערימענטירן.

דאָס וויכטיקסטע אָבער — ווען מען רעדט וועגן יידישע לעבנס־כוחות, דאַרפן מיר אַריינרעכענען אין באַלאַנס ניט נאָר דאָס וואָס עס איז אויפגעטאָן געוואָרן אויף און אין נאָמען פון יידיש. יידיש איז טאַקע דער אַוואַנגאַרד. אָבער אַריינרעכענען אין חשבון פון יידישן אויפטו דאַרפן מיר די גאַנצע גאַמע יידישע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, יידישע אינסטיטוציעס, יידישע פּרעסע און ליטעראַטור, די העברע־אישע גימנאַזיעס אין ליטע און די ישיבת חכמי לובלין און די יודאַ־

איסטישע ביבליאָטעק אין וואַרשע. דאָס וואָס איך האָב דאָ אויסגע־רעכנט האָט געהאַט ניט אונדזער אינהאַלט, אָבער דער אינהאַלט קען זיך בייטן אין אונדזער גייסט, מיר האָבן צוטרוי צו דער געשיכטע. ווען מען נעמט אַריין אין סך־הכל די אַלע אויפטוען באַקומט זיך אַן אימפּאָזאַנט בילד פון אַ נאַציאָנאַלן לעבן, און די פּראָבלעם שטייט ניט: ווו נעמט מען יידיש לעבן, נאָר ווי אַזוי שאַפט מען די געהעריקע פּאַר־מען פון אַ מלוכה־רעכטלעכן כאַראַקטער, אַז דאָס יידישע לעבן זאָל זיך קענען אַנטוויקלען ווי עס געהער צו זיין.

עס איז ריכטיק, אַז עס זיינען פאַראַן ניט־יידן און אַפילו יידן וואָס זעען ניט אַזוי קלאָר די פּערספּעקטיוו. אָבער צי איז דען אין 1914 די אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן און טשעכאָסלאָוואַקיי און פון ליטע געווען אַזאַ אַקסיאָמע פאַר אַלעמען?

פאַרענטפער נומער 2:

ניט מינאָריטעטן־טראַקטאַטן זיינען דורכגעפאַלן, נאָר שלעכטע מינאָריטעטן־טראַקטאַטן. מענטשן זיינען ניט קיין חיות און ניט קיין מלאָכים: בעסערע געזעצן זיינען אַ בעסערע באַוואָרעניש.

איך גיב אייך אַ געמעל: איר שטעלט אויף אַ דאַך אויף אַ שייער און עס רעגנט אַריין. ווער מען אייך זאָגן: איר האָט שוין געשטעלט אַ דאַך אויך, וואָס זשע נאָך פאַר אַ תרופה איז דאָ? גאַנץ פּשוט: אַ פעסטערער דאַך.

די טראַקטאַטן זיינען געווען אומגעלומפּערט. לואי מאַרשאַל האָט צו שפּעט אָנגענומען דעם געדאַנק פון מינאָריטעטן־שוץ, ער זאָל ווערן דורכגעדרונגען דערמיט אין גאַנצן. די ציוניסטן זיינען געווען דער־ביי מיט אַ האַלב האַרץ. די דעה־זאָגערס אין ווערסאַל האָבן דאָס ניט געוואָלט. די פּאָליאַקן און רומענער האָבן זיך געשפּאַרט; ווען זיי האָבן דאָס אַראָפּגעשלונגען, האָבן זיי לכתחילה געהאַט דעם געדאַנק זיך אַרויסצודרייען, און מען האָט זיי געגעבן די געלעגנהייט דערצו. איך מיין חלילה ניט, אַז דער גאַנצער חסרון האָט געשמעקט אין די ניט־געראָטענע פאָרמולירונגען: פּאָליטיק איז שטאַרקער אַפילו פון גוטער יוריספּרודענץ. אָבער עטלעכע מוסטערן פון אומבאַהאָלפנקייט רייסן ממש די אויגן:

א) מען האָט געפּסקנט: שפּראַכיקע, עטנישע, רעליגיעזע מינאָ־ריטעטן — אָבער מען האָט ניט אַריינגעשטעלט אין טראַקטאַט, ווי אַזוי עס קאָנסטיטואירט זיך אַ מינאָריטעט און פון וואַנען מען ווייס, ווער עס באַלאַנגט צו אַ מינאָריטעט.

ב)  מען האָט גערעדט וועגן שולן פאַר מינאָריטעטן, אָבער מען האָט ניט באַשטימט, ווער עס גיט זיי די לערערס; האָט געקענט פּאַסירן, אַז די מלוכה זאָל אין מינאָריטעטן־שולן אַריינזעצן לערערס וואָס האָבן גאַנץ קנאַפּ געקענט די שפּראַך פון דער מינאָריטעט.

ג)  מען האָט באַשטימט רעכט פאַר מינאָריטעטן, אָבער מען האָט ניט איינגעשטעלט קיין פּראָצעדור וואָס זאָל טויגן, ווי אַזוי מינאָריטעטן קענען זיך קלאָגן, טאָמער באַעוולט מען זיי. ווילסאָן און די אַנדערע האָבן געהאַלטן אין האַרצן, אַז די מינאָריטעטן דאַרפן זיך וואָס גיכער אַסימילירן.

פון דעסט וועגן האָבן די טראַקטאַטן ניט פּשוט אָפּגענאַרט. אָן זיי וואָלט געווען ערגער. געווען סיטואַציעס און לענדער, ווו די מינאָריטעטן זיינען געווען ווינציקער באַעוולט אָדער ווו די מינאָריטעטן גופא האָבן אַרויסגעוויזן מער איינפּעליקייט און געשלאָסנקייט ביים קעמפן פאַר זייערע רעכט. די דאָזיקע מער גראַטעטנע פאַלן דאַרף מען אויסשטודירן: שוועדן אין פינלאַנד; טשעכן אין ווין; די טשעכן אין אַלטן עסטרייך אויף די צווייִשפּראַכיקע טעריטאָריעס; דייטשן אין לעטלאַנד; די פּראַקטיק פון דער עסטלענדער קולטור־אויטאָנאָמיע.

פאַרענטפער נומער 3:

עס איז לעכערלעך, עס איז נאָכגערעדט דער קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, ווען מען זאָגט, אַז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן יידן געהאַט אַלע מעגלעכקייטן פאַר אַן אומגעשטערטער אַנטוויקלונג פון זייער כללישן לעבן. אַלע מעגלעכקייטן? עס איז אַזוי ווי מען לייגט אַריין אַ מענטשן אין אַ טרונע, מען דערלאַנגט אים אַריין ברויט און פלייש און אַפילו וויין און צוקערקעס, און דערנאָך פאַרהאַקט מען די טרונע און מען פאַרקלאַפּט זי מיט טשוועקעס. וואָס וועט טרעפן מיט דעם מענטשן?

אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אויך געווען, פּונקט ווי אין גאַנץ מזרח־אייראָפּע, דער זעלביקער ווידעראַנאַנד צווישן די צוויי טענדענצן פון אויפשטייג און אומקום. אין באַדינגונגען פון פרייהייט, אַפילו פון אַ ביסל פרייהייט, איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט, אַז די וואָס ווילן אַנטוויקלען דאָס יידישע לעבן זאָלן אָפּעלירן צום פאָלק, פונאַנדערבינדן זיינע כוחות. אָבער אין רוסלאַנד האָט מען דאָך נאָר געקענט נעמען פאַר ליב דאָס וואָס די מאַכט גיט, און אין דער רעגירונגס־פּאָליטיק, ניט געקוקט אויף פאַקטן פון אונטן, האָט אין דער טעאָריע געזיגט לענינס קוק נאָך פון 1902. ווער עס איז געווען קעגן דעם דאָזיקן כמו־שנאמר, ווער עס האָט געהאַלטן אַנדערש, דער האָט טייער באַצאָלט פאַר זיין

„נאַציאָנאַליזם". אויפן פאָלק האָט דאָס ליגן אין טרונע געקענט האָבן נאָר איין ווירקונג: עס איז אַריינגעפאַלן אין אַ לעטאַרגישן שלאָף.

פאַרענטפער נומער 4:

מיר דאַרפן די אַנטוויקלונג פון יידן ווי אַ קיבוץ ניט נאָר כדי צו ראַטעווען דאָס יידישע פאָלק, נאָר כדי צו ראַטעווען יידן. די יידישע פערזענלעכקייט ווערט צעבראָכן דורך אויסוואַרצלונג.

פון אַמעריקע האָבן מיר אויך ניט איבעריקס וואָס נתפעל צו ווערן. פאַרטיק איז מען נאָך דאָ אויך ניט, ווי עס ווייזן די פלאַכע אַרטיקלען וועגן דער יידן־פראַגע וואָס באַווייזן זיך פון צייט צו צייט אין די זשורנאַלן און די פאַנישע רעאַקציע פון גרויסע מאַסע יידן, ווען מען דערמאָנט זיי וועגן זייער עקסיסטענץ. און צי איז אונדזער יוגנט דאָ גליקלעכער? זי איז גליקלעכער דורך איר פרייהייט,אָבער אין איר פערזענלעכקייט איז זי פאַרקריפּלט. ווו איז געבליבן דער אימפּעט פון די טאַטעס, פונעם ערשטן דור אימיגראַנטן? פון וואַנען נעמען זיך אַזוי פיל פאַרלאָשענע אויגן? דאָס נעמט זיך פון דעם וואָס זייער יידישקייט איז נאָר אַ משא אויף זיי, נאָר אַ קוואַל פון אומבאַפרידיקט־קייט, פון געדריקטקייט.

איך ווייס, אַז וועגן דעם פּונקט יידן אין אַמעריקע זיינען פאַראַן גרויסע חילוקי־דעות. צום גליק שטייט ניט די פראַגע וועגן אַמע־ריקע אין פאַרבינדונג מיטן שלום, דעריבער פאַרשפּאָרן מיר זיך צו שפּאַרן וועגן דעם איצטער. מען דאַרף די פּראָבלעם פאַרשן, אָבער עס ברענט ניט. נאָר מזרח־אייראָפּע האָבן מיר נאָך ניט פאַרשפּילט. מיר זיינען זיכער, אַז די אַרבעט פון אונדזער דור איז ניט געגאַנגען אין ניוועץ, און אַז אַפילו די סיטואַציע פאַר יידישער נאַציאָנאַלער אַנט־וויקלונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז ניט קיין סיטואַציע אויף אייביק.

דערפון דרינגט אַרויס די פּראַקטישע פּראָגראַם פאַר מזרח־אייראָפּע:

1. יידן דאַרפן האָבן בירגערלעכע, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פול־באַרעכטיקונג.

2. עס דאַרפן באַוואָרנט ווערן די עפנטלעכע רעכט פון דער יידישער שפּראַך אין אַדמיניסטראַציע, געריכט אאַז"וו אין איטלעכן פּונקט, ווו די יידישע באַפעלקערונג דערגרייכט 20 פּראָצענט. דערביי דאַרף מען פאַרהיטן פון דעם קונץ, אַז מען זאָל אינקאָרפּאָרירן דאָר־פישע שטחים אויף אַראָפּצודריקן דעם פּראָצענט יידן אין די שטעט.

3. עס דאַרף באַוואָרנט ווערן דאָס רעכט אויף שבת־רו: ווער עס אַרבעט ניט אום שבת זאָל זיין באַרעכטיקט צו אַרבעטן זונטיק.

4. אין יעדערן פון די פריער דערמאָנטע לענדער: אוקראַינע, ווייס־רוסלאַנד, עסטלאַנד, לעטלאַנד, ליטע, פוילן, טשעכאָסלאָוואַקיי, רומעניע ווערט די יידישע באַפעלקערונג אָרגאַניזירט אין אַן אויטאָנאָמען נאַציאָנאַלן פאַרבאַנד, געבויט אויף אָרטיקע קהילות אויף אַ דעמאָקראַטישן יסוד. אין דער שפּיץ פון דעם דאָזיקן פאַרבאַנד שטייט דער יידישער נאַציאָנאַלער ראַט.

5. די קאָמפּעטענץ פון נאַציאָנאַלן פאַרבאַנד:

א) קולטורעלע ענינים;

ב) רעליגיעזע ענינים, אויסגעטיילט אין אַ באַזונדערן רעליגיעזן אָפּטייל;

ג) סאָציאַלע הילף;

ד) קאָאָרדינירונג פון דער נאָכמלחמהדיקער אויפבוי־אַרבעט אין פאַרשטענדיקונג מיט די מלוכישע און אינטערנאַציאָנאַלע אויפבוי־אָרגאַנען;

ה) רעפּרעזענטאַנץ און אינטערווענץ אין אַלע ענינים וואָס שייך צו דער יידישער באַפעלקערונג, אַריינגערעכנט די פונקטן 1־3.

6. די נאַציאָנאַלע ראַטן פון די דערמאָנטע לענדער פאַראייניקן זיך אין אַ צענטראַלן יידישן ראַט אויף צוזאַמענצואַרבעטן, ווו דאָס איז נייטיק, אין אַלע ענינים וואָס זיינען דערמאָנט אין די פונקטן 1־5.

7. צו דעם דאָזיקן צענטראַלן ראַט קענען צושטיין יידישע נאַציאָנאַלע פאַרבאַנדן וואָס וועלן זיך אָרגאַניזירן אין אַנדערע מלוכות מיט ענלעכע צילן און אויף ענלעכע יסודות.

8. די יידישע נאַציאָנאַלע פאַרבאַנדן אין די איינציקע מלוכות און אויך דער צענטראַלער יידישער ראַט זיינען קערפּערשאַפטן פון עפנטלעכן רעכט, פאַראַנקערט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער און אין די לאָקאַלע קאָנסטיטוציעס.

## IX. אויספירן

איך ווייס ווויל, אַז טייל פּונקטן וואָס איך האָב דאָ פאָרגעלייגט רופן נאָך אַרויס ספקות, אַפילו ביי אַזוינע וואָס גייען אין אַלגעמיין מיטן זעלביקן גאַנג וואָס איך. טאָקע בכדי עס זאָל זיך אַנטוויקלען אַ זאַכלעכע דיסקוסיע האָב איך געפּרווט פאָרמולירן שאַרף. למשל האָב איך ניט פאָרגעלייגט אויסצושליסן די רעליגיעזע פונקציעס, מחמת איך וואָלט וועלן געפינען אַ יורידישע פאָרעם, ווו די אָרטאָדאָקסיע

זאָל זיין אין איינעם מיט ניט־פרומע אין דער אויטאָנאָמיע. זיכער וואָלטען אַנדערע אויך פאַרמולירט אַנדערש, ענגער צי ברייטער, די אַנדערע קאָמפּעטענצן פונעם נאַציאָנאַלן פאַרבאַנד. להיפוך דערצו זע איך ניט קיין שום פּאָליטישע שוועריקייט אין פּונקט וועגן דעם צווישנמלוכישן יידישן צענטראַלן ראַט. ווי באַלד עס וועט זיך שאַפן אַ סיסטעם אינטערנאַציאָנאַלע צוזאַמענאַרבעט צווישן די מלוכות, זע איך ניט, פאַר וואָס עס זאָל ניט זיין קיין צווישנמלוכישער צענטראַלער יידישער ראַט ווי אַ טייל פון דער דאָזיקער סיסטעם; ווער עס ספקט אין דעם, זאָל אַ טראַכט טאָן וועגן דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעט־אָפּיס אין דער ווערסאַלער פעלקער־ליגע.

אָבער נאָך וויכטיקער איידער די דאָזיקע וויכטיקע פּרטים איז דוכט מיר דער אַלגעמיינער גאַנג:

ערשטנס, די יידישע פאָדערונגען, געבויט אויף אַן אַנאַליז פון אונדזערע אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן, דאַרפן אויסגעאַרבעט ווערן פאַרויס אין די דעטאַלן;

צווייטנס, מען קען ניט יוצא זיין מיט דער פאָדערונג פון אַלגעמיינער גלייכהייט (equality) און אויסרעכענען דערביי, אַז אויף דער אַלגעמיינער גלייכהייט וועלן שוין יידן אויך אַרויספאָרן. מיר ווייסן ברוך השם פון געניג פאַלן, ווען אַנדערע באַקומען יאָ און יידן ווערן באַעוולט. ווייטער איז דאָך די סיטואַציע פון יידישן פאָלק אַ ספּעציפישע, ניטאָ קיין פולקומע אַנאַלאָגיע מיט וועלכן עס איז אַנדער קיבוץ. און וואָס וועלן מיר טאָן, אויב אין אַ געוויסער מלוכה וועלן יידן זיין די איינציקע עטנישע מינאָריטעט? צי וועלן מיר זיך אָפּזאָגן פון אונדזערע פאָדערונגען דערפאַר ווייל עס איז ניטאָ קיין צווייטער צו אונדז וואָס פאָדערט אויך דאָס אייגענע? אויב אַחוץ מיר זיינען אַלע זאַט, איז מיין הונגער קיין הונגער ניט?

דאָס וויכטיקסטע אין דעם איצטיקן מאָמענט איז די אַלגעמיינע דיסקוסיע אויפן געהעריקן ניוואָ. דערמיט קומען מיר צוריק צום אָנהייב: די יידישע פאָדערונגען זיינען נאָך ניט קלאָר ביי יידן גופא. לאָמיר לערנען פון אונדזערע דורכפאַלן אויף יענער שלום־קאָנפערענץ און אין משך פון די צוואַנציק יאָר שלום. עס פאָדערט זיך נאָך אַ קאָלאָסאַלע דערציערישע אַרבעט צווישן יידן גופא. מיר מוזן נאָך אַפילו זיך אַליין דערציען צו זען די גאַנצע גרייס פון דער אויפגאַבע.

און דאָ קומט מיין גרויסע טענה צום יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט: פאַר וואָס ער האָט אַזעלכע קליינע אַמביציעס? אין זיין אייגענער פאַר־

מולירונג איז דער אַרבעטער־קאָמיטעט דער רויטער קרייז פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. דאָס איז גוט, אָבער עס איז ווינציק. דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט מוז האָבן אַ קלאָרע פּראָגראַם פון יידישע פאָדערונגען און קומען מיט דער פּראָגראַם צום אַמעריקאַנער יידנטום. דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט דאַרף האָבן די גרויסע אַמביציע צו ווערן דער גענעראַל־שטאַב פון אַלע אַקטיווע געזעלשאַפט־לעכע כוחות וואָס גייען מיט אים.